וועלפטער יאהרגאנג

№ 47 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

[Biblio]teka Jagiellońska Kraków św. Anny 1[2]

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 291

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.

Piątek d. 17 listopada 1933 | ליכט-צינדען 3,31 | פרייטאג, פ' תולדות כ"ח מרחשון תרצ"ד.

Z intencji zaręczyn p. ANKI FAJNERÓWNY z p. HERSZLIKIEM POZNERZONEM, życzą wiele szczęścia i zadowolenia

Jakób Gabel z narzeczoną.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער **לעאן קאברינער** מיט פרל. **העלא וואזשניצא** ווינשען א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט.

עלטערן, ברידער, שוועסטערן, שוואגער און שוועגערין.

צו דער חתונה פון אונזער ברודער און שוואגער **אפרים פענטשאק** מיט פרל. **רוזשע טאוס** וועלכע איז פארגעקומען אין ברוקלין (אמעריקא), ווינשען מיר זיי א הערצליכען מז"ט און א גליקליך צוזאמענלעבען

אברהם פאיעם, פרוי און קינדער,
לייזער ווילמאן, פרוי און קינדער.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisv na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna

שבת 18 ד. ה 8 אוונט פראקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט און אויך יעדען שבת 8 אוונט. לעצטע מוזיק-שלאגערס. בילינע פרייזען.

Wytworne Panie UŻYWAJĄ OBECNIE WODY KWIATOWEJ FLEURS DE VARSOVIE CREPE SATIN DEUX FLEURS *Lotos, Warszawa*

הנני משתתף בצערו של
משפחת שווארצבוים
למות עליהם אביהם
נ"ע גרשון
בתוך שאר אבלי ציון וירושלים תנחם.
י. מ. קרעל

מיין יוגענד - חבר און פריינט
מענדיל שווארצבוים
צוליעב'ן טויט פון זיין ליעבען פאטער
נ"ע גרשון
דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
מרדכי מערין.

פראניע שטשעקאץ — חיים ישראל שווארצבוים
תנאים געשריבען
טשענסטאכאוו, אין ליסטאפאד 1933.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער **חיים ישראל שווארצבוים** מיט פרל. **פראניע שווארצבוים** — אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליעבער טאכטער **פראניע שטשעקאץ** מיט ה' **חיים ישראל שווארצבוים** אונזערע הארציגסטע ברכות.
עלטערן און געשוויסטער.

צו דער פערלאבונג פון מיין שוועסטערן - זוהן **חיים ישראל שווארצבוים** מיט פרל. **פריידע שטשעקאץ** ווינשען מיר דעם חתן-כלה א הארציגען מזל - טוב און א בליהענדע צוקונפט.
פאמיליע וולאדאווסקי, פאמיליע וויינרייך.

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטערן-טאכטער **פראניע שטשעקאץ** מיט ה' **חיים ישראל שווארצבוים** א הארציגען מזל-טוב. די עלטערן ווינשען מיר צו האבען פון זיי פיעל נחת.
פיניע פושעראווסקי און פרוי.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודערן - זוהן און קוזין **חיים ישראל שווארצבוים** מיט פרל. **פראניע שטשעקאץ** ווינשט א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.
פאמיליע בארנשטיין.

א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען מיר דעם ה' **חיים ישראל שווארצבוים** צו זיין פערלאבונג מיט פרל. **פראניא שטשעקאץ.** די עלטערן ווינשען מיר פיעל נחת.
פאמיליע צוקערמאן.

מעומק לבי אני מברך בברכת מזל-טוב חמה ונלבבה את בן-דודי כמר **חיים ישראל שווארצבוים** לאירוסיו את מרת **פריידע שצעקאץ** שיהו זווגם יעלה יפה ויזכו לבנות ביתם בתוך הרי ציון וירושלים.
חיים ישראל וולאדאווסקי, ש. וולאדאווסקי און פרוי.

מעומק לבבנו הננו מברכים בברכת מזל-טוב חמה ונלבבה את חברנו ידידינו כמר **חיים ישראל שווארצבוים** לאירושיו את מרת **פריידע שצעקאץ** יהא רעוא שזווגם יעלה יפה ותהי דרכם סוגה בשושנים.
משה יאקובאוויטש ואשתו.

צו דער תנאים פון אונזער שוועסטערן-זוהן **חיים ישראל שווארצבוים** מיט פרל. **פראניע שטשעקאץ** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט, ווינשען
שלמה וואלקאוויטש און פרוי.

ברכת לבבים הננו מברכים את בן גיסנו ודודינו **חיים ישראל שווארצבוים** לאירושיו את בחירת לבו **פריידע שטשעקאץ.** יהי רצון שזווגם יעלה יפה ולהוריו — שיזכו לראות מהם רוב נחת.
פישעל דימאנט ומשפחתו ומשה דימאנט ורעיתו אלקוש

אנו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו בצערם של בעלי תעשיתנו ת"ה
שלמה שורצבוים, נתן שורצבוים, י. ה. ברלינר, ויותר משפחתם
במות עליהם אביהם וחמם
נ"ע גרשון שורצבוים
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פירמה „סטאל" בצ'נסטחוב, רחוב נארוטאוויטשא.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד ה' **מאיר שווארצבוים** צוליעב'ן טויט פון זיין פאטער
נ"ע גרשון
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים און מתפללים פון דער חברה „אגודת אחים", אלעע 9.

פאלא שייקאוויטש — גרשון ניימאן
תנאים געשריבען
טאמאשאוו. מאז. — טשענסטאכאוו
אין ליסטאפאד 1933.

צו דער תנאים פון מיין ליעבען זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** פון טאמאשאוו — מיינע הארציגסטע ברכות.
יצחק שמעון ניימאן.

אונזער ליעבען ברודער **גרשון** צו זיין פערלאבונג מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
יאדזיא, גוטשא, וואלף, ישראל חיים און הערשל ניימאן.

Z intencji zaręczyn naszej najukochańszej siostrzyczki POLI SZAJKIEWICZÓWNY z p. GERSZONEM NAJMANEM życzą wiele szczęścia i zadowolenia ROZENTALOWIE.

א הארציגען מזל טוב אונזער פריינד **שמעון ניימאן** און **פאמיליע** צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן און ברודער **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש.** דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט ווינשען
ישעיהו מיסקע און פרוי, און נאטאן מיסקע.

צו דער תנאים פון ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** אונזער הארציגען מזל טוב. אונזער פריינד ה' **שמעון ניימאן** פיעל נחת ווינשען
נחמיה ראזען און פרוי.

מזל טוב צו די תנאים פון ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעצירט מיט די הערליכע זונען שטראהלען.
מתית עטינגער און פרוי.

מזל טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **שמעון ניימאן** צו דער פערלאבונג פון זיין זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש.** דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט ווינשען
יעקל כראפאט און פרוי, דוד כראפאט און פרוי,
מאקס כראפאט און פרוי, אשר כראפאט און פרוי.

צו דער תנאים פון ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
לייביל אלטמאן און פרוי.

פיעל גליק און א הארציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזער ליעבען פריינד ה' **גרשון ניימאן** צו זיין תנאים מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש.** זאל אייער לעבענס וועג זיין א גליקליכער.
לייזער ברוין, פרוי און קינד.

א מזל טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **שמעון ניימאן** צו דער פערלאבונג פון זיין זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש.** דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט.
שמואל אלטמאן און פרוי.

צו דער תנאים פון אונזער פריינד ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** אונזער הארציגסטען מזל טוב און א בליהענדע, גליקליכע צוקונפט.
איזאק פראנק און שלום ו זשאנשינסקי.

Z intencji zaręczyn p. GUSTAWA NAJMANA z p. POLĄ SZAJKOWICZ, życzą dużo szczęścia i zadowolenia

Gustawowie Frydman.

Z intencji zaręczyn p. GUSTAWA NAJMANA z p. POLĄ SZAJKOWICZ życzymy, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.

Jakób Honigman z narzeczoną.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **שמעון ניימאן** צו דער תנאים פון זיין זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש.** דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט.
ישעיהו גראנעק און פרוי.

א הארציגען מזל טוב דעם חשוב'ן ה' **יצחק שמעון ניימאן** צו דער תנאים פון זיין ליעבען זוהן **גרשון** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש.** דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט.
שטאדט-חזן **יוסף באדאש** און **פרוי.**

צו דער תנאים פון אונזער פריינט **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקאוויטש** א הערצליכען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
משה הערשליקאוויטש, געציל פשעראווסקי.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען פ א ט ע ר
נ"ע גרשון שווארצבוים
וועלכע איז פארגעקומען פרייטאג, דעם 10 טען ליסטאפאד 1933 י. (כ"א לחודש מרחשון תרצ"ד) דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען דאנק.
בעזונדער דאנקען מיר די פערוואלטונג פון „אחיעזר" פאר זייער טרחה און מיטגעפיהל.
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, שנירען, איידעמס, אייניקלעך, אוראייניקעל און פאמיליע.

Koleżance naszej **MANI** z powodu śmierci Jej OJCA
b. p. Gerszona Szwarcbauma
wyrażamy nasze najgłębsze współczucie
Jadzia, Hela, Różka.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' **מאיר שווארצבוים** און פאמילע צוליעב'ן טויט פון זייער פ א ט ע ר
נ"ע גרשון
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ישראל משה מייזליש, משה קאניעצפאלסקי.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאמיליע שווארצבוים** צוליעב'ן טויט פון זייער ליעבען פ א ט ע ר
נ"ע גרשון
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
אהרן ווארשאווסקי און פרוי, מ. גאלדבערג, ח. ניימאן.

נ"ע יהודית (יעטקע) מייטליס
פון דערה"ים האפטקא
איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען, אין עלטער פון 72 יאהר.
די לויה איז פארגעקומען מיטוואך, דעם 15 נאוועמבער 1933 (כ"ו מרחשון תרצ"ד).
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאנק די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד.
אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מאן, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, אייניקלעך און שוועסטערן.

נאָטיצען.

פון פעראייניגטען יודישען הילפס־קאָמיטעט פאַר די פליטים פון דײַטשלאַנד אין ווארשא האָבען מיר בעקומען א בריעף, אין וועלכען זיי ווענדען זיך צו אונזער רעדאקציע מיט דער בקשה מיטצוהעלפען אין דער פּראָקלאַמירטער זאמעל־אַקציע, וואס דאַרף אדורכגעפיהרט ווערען די טעג אין גאַנץ פּוילען.

עס איז בלי ספק, אז מיר וועלען אינזער חוב ערפולען, ווײַל צו טראַגיש איז די לאַגע פון די יודישע פליטים, אז מען זאָל זיי נישט קומען צו הילף. אויסער דעם זענען צווישען די פליטים פערהאַנען א סך פוילישע יודען, וועלכע קאָנען נישט בעקומען קײַן הילף פון די אויסלענדישע הילפס־קאָמיטעטען און מוזען דורך פערשידענע וואַנגלענישען זיך אומקעהרען אהײַם קײַן פּוילען רואינירטע, צובראָכענע און נאָר דער געשאַפענער הילפס־קאָמיטעט דאַרף און קאָן זײַ העלפען אויפשטעלען זײַער חרוב'ע ווירטשאַפט.

אמת, מיר מוזען ערפולען אונזער הײַליגען חוב און אונטערשטיצען די דאָזיגע אקציע, וואס מיר וועלען עס בעשטימט טהון. בײַ דער געלעגענהײַט ווילען מיר אָבער אויפמערקזאם מאַכען, אז די דאָזיגע הילפס־קאָמיטעטען זענען נאָך נישט גענוג פּאָפּולער, זײַ בעווײַזען נישט קײַן מעשים, וואס זאָלען בײַ די מאַסען ארויפרופען אינטערעס צו דער דאָזיגער אַקציע. ווײַטער וואָלט געווען א יושר, אז די הילפס־קאָמיטעטען, וועלכע עקזיסטירען כמעט אין גאַנץ פּוילען, זאָלען זיך לאָזען הערען, רופען מאַסען־פערזאַמלונגען, אויפקלערען די בעדײַטונג און אויפגאַבען פון הילפס־קאָמיטעט און גלײַכצײַטיג אָבגעבען א בעריכט פון די אָבגעטהוענע מעשים.

בײַ דער איצטיגער סיטואַציע איז נישט מעגליך צו קומען צו די ברײַטע מאַסען און זאַמלען. מען מוז פריהער דעם באָדען צוגרײַטען לײַדער ווענען, ווי מיר האָבען פריהער בעטאָנט, די ראָזיגע הילפס־קאָמיטעטען נישט פּאָפּולער, פערקעהרט, מען בעציהט זיך צו זײַ נעגאַטיוו און מיט ביטול.

מיר וועלען אויסנוצען די טריבונע פון אונזער צײַטונג, כדי מיטצוהעלפען אין דער דאָזיגער זאמעל־אַקציע. כדי אָבער די אַרבײַט אונזערע זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג, מוזט איהר אויך צולײַנען אײַער האַנד און די דאָזיגע הילפס־קאָמיטעטען ארײַנגעבען א רוח החיים, ווײַזען, אז איהר ווילט נישט אָבי יוצא זײַן, נאָר מײַנט באמת צו העלפען די אומגליקליכע יודישע פליטים פון דײַטשלאַנד.

מיר פון אונזער זײַט וועלען אינזער חוב בעשטימט דערפילען.

ווידער אוועק א פּאָר וואָכען, דער ווינטער קלאַפּט אין טהיר און ווענען דער געפלאַנטער ווינטער־אַקציע, ווי א בילינע קוך פאַר הונגעריגע קויהלען פאַר נעפּרווירענע, ווערט אלץ נישט אונטערגענומען.

מען וועט קומען מיט דער אלטער טענה, אז עס איז א קריזיס און עס זענען נישטאָ קײַן מעגליכקײַטען צו מאַכען א גרעסערע אקציע, אָבער דוקא דערפאַר, ווײַל עס איז א קריזיס און די נויט איז גרויס, מוז מען טאקי אָנשטרענגען אלע מיטלען, אז מען זאָל פאַר די אומגליקליכע עפּיס טהון.

עס איז נישט שווער צו מאַכען אַקציעס, בעת עס איז פּראָספּעריטי און די נותנים קאָנען מיט א לײַכטע האַנד געבען זײַער נדבה און ווען די מקבלים זענען נישט אזוי נויטבעדערפטיגט, נאָר גראָדע הײַנט, ווען עס איז שווער צו געבען, דאַרף מען בעווײַזען אז דער גרויל, וואָס הערשט אין דער יודישער גאַס בעריהרט און מען דאַרף זיך טײַלען מיט די אומגליקליכע.

קינפטיגע וואָך ווערען אדורכגעפיהרט אין אונזער שטאָדט פערשידענע זאמעל־אַקציעס. געדענקט דעריבע יודען, אז מען דאַרף אויך זאָרגען וועגען אונזערע היעגע אָרימע לייט.

ב—ן.

בנימין באָרזיקאָווסקי

תלמיד „ישובת חכמי לובלין".

ווען דאס האַרץ פעהלט.

שוין דריי וואָכען אדורך, זייט מען האָט אונזער מייערען רבי'ן זצ"ל פון אונז פליצלונג אַוועקגעריסען. אָבער פריש איז נאָך די וואונד — גרויס די ערשיטערונג. פערצווייפעלט און געבויגען שטעהען מיר און מיט אונז אויך דער גאַנצער כלל־ישראל איבער דעם פרישען קבר, וועלכער איז צוגעקומען אויף דעם היסטאָרישען לובלינער בית־החיים. וואו נעמט מען א טרייסטער נאָך דעם גרויסען טאַטען, וועלכער האָט מיט זיין אַוועקגעהן פער'יתומ'ט א גאַנץ דור און ספּעציעל אונז, תלמידי יח"ל. אונז—זיין געדאַנק און טהאָט, זיין שאַפען און בויען, זיין אייביגער אידעאַל, מיט וועלכען ער האָט זיינע לעצטע מינוטען פערבראַכט, נאָכנישט געגוי און דייטליך האָבען מיר—זיינע נאָהנטסטע בעגרייפט דעם גרויסען פערלוסט און היזק, ווייל אונבעגרייפבאַר איז עס פאַר אַלע, וואס ער איז פאַר אונז און פאַר'ן גאַנצען פאָלק געווען.

בעקאַנט איז דער מאמר חז"ל משמת ר"מ בטלו מושלי משלים. ווען ר' מאיר שפּירא ז"ל איז נפטר געוואָרען און מען דאַרף זאָגען נאָך איהם א שבח, איז עס זעהר שווערליך, ווייל מען קען צו זיין פערזעגליכקייט און גייסט קיין משל און פערגלייך נישט געפונען. אַלזייטיג האָט ער אין חושך הגלות ליכט אריינגעבראַכט. אַלע שיכטען פון יודישען פאָלק האָבען אין איהם זייער פיהרער און דערפרייער געפונען. און דעריבער איז נאָך היינט שווער פעסטצושטעלען דעם דעפיציט אין אונזער טאָג־טעגליכען לעבען. ד א ס ה א ר ץ פ ע ה ל ט. דער ע י ר י ן ק ד י ש י ן ו ב נ י א נ ש א, דער וואס האָט צוגלייך אין געטליכקייט, ווי אין מענשליכקייט איבערגעשטיגען דעם דור איז שוין נישטאָ.

אָבער א הערליכען מאָנומענט האָט ער אונז איבערגעלאָזט—„ישיבת חכמי לובלין". אָט דער מאָנומענט, וועלכער איז געוועזען זיין לעבענס - אידעאַל, זיין הייליג לעבענס־ווערק, פאַר וועלכען ער האָט זיך מוסר נפש געוועזען און אויפ'ן מובח פאַר זיין דערהאַלטונג א קרבן געפאַלען. אָט דער מאָנומענט, וועלכער האָט איהם אונשטערבליך געמאַכט. מיט זיין אוועקגעהן האָט ער איבערגעגעבען דעם ציבור דעם דאָזיגען מאָנומענט, אַז ער זאָל איהם היטען און פפלעגען, כדי ער זאָל הלילה נישט צושטערט ווערען.

און דער ציבור?... צי וועט ער זיין אויפגאַבע בשלימות ערפולען? דאס איז יעצט די ברענענדסטע פראַגע, אויף וועלכער די אַקציע, וואס ווערט אין די טעג אַדורכגעפיהרט, וועט דעם ענטפער געבען. לאָמיר פערהאָפען, אַז דער ציבור, וועלכער האָט בעת זיין לעבען שטאַרק זיך פערשולדיגט געגען איהם, וועט דעם חוב אָבצאָהלען. בעקאַנט איז פאַר אַלע, אַז אינ'ם טאָג פון דער ישיבה־עפנונג האָט דער רב פייערליך איבערגעגעבען די ישיבה דעם ציבור אַלס מתנה. מיט גרויס בעגייסטערונג האָט ער אויסגערופען „עם ישראל, די טייערע מתנה האָב איך צוגעשטעלט צום טערמין. שווער איז געווען די לייסטונג פאַר'ן יחיד, ביז ער האָט די מתנה צונויפגעשטעלט. אייגער אַליין איז ער געשליידערט געוואָרען מים לים וממדינה למדינה (גענוי זיינע ווערטער). „נישט איינמאַל האָט זיך פאַר דעם פעראיינזאַמטען דער גאַנצער ברייטער הימלישער האָריזאָנט אַלס ענגער קרייז אויסגעוויזען". דער ציבור האָט אָבער נישט אָנגענומען די מתנה. פערנאַפטע און היפּנאָטיזירטע האָבען זיי געקוקט אויף דעם מייסטער און זיינע ווערק און געפיהלט האָט יעדער, אַז דער מענש איז געשיקט פון דער השגחה העליונה צו דערלייכטערן אונזער עמק הבכא, אָבער געהמען אויף זיך די מתנה צו היטען, האָבען זיי זיך נישט געקאָנט ענטוואָגען. און ווייטער האָבען זיי דעם מייסטער אַליין געלאָזט. נישט געקוקט האָט דער רבי זצ"ל אויף דעם איראָנישען שמייכעל פונ'ם געגנער – אויף דער גלייכגילטיגקייט פון די גאַהנטע. איינער אַליין האָט ער די טייערע קרוין מיט זעלטענע פערל בעזעצט.

ליידער איז די קאַטאַסטראָפע געשעהן... דעם ציבור איז נישט בעשערט געוועזען די ישיבה צו האָבען אַלס מתנה, נאָר אַלס ירושה נאָך דעם נפטר. אפשר וועט ענדליך דער ציבור וויסען צו היטען די ירושה.

אויף מען וועט טהון דעם רצון פון גרויסען נפטר וועט זיין גייסט זיין ביי אונז. און אין יעדען פינסטערען מאָמענט וועט ער מגין זיין אויף דעם כלל ישראל. זאָל מען יעצט נאָך צווייפלען צי דער ציבור וועט אָבהיטען די ירושה? קען נאָך זיין א ספק אין ערפאָלג פון דער אַקציע? ניין, געוויס וועט יעדער יוד געדענקען דאס אחריות פון דער יעצטיגער שעה, וועלכע רופט און מאָהנט ביי איהם דעם חוב צו בעצאָהלען. און מיר, תלמידים, וועלען אויך וויסען דאס אחריות, וואס דער ציבור פערלאַנגט פון אונז.

בעמערקונג פון רעדאַקציע: מיר האָבען בעקומען דאס דאָזיגע אַרטיקעל פון איינעם פון די היגע תלמידים אין „ישיבת חכמי לובלין", וועלכעס מיר דרוקען אויף זיין פערלאַנג.

סניף „ישיבת חכמי לובלין" טשענסטאָכאָוו.

זונטאָג פ' ויצא (נדרים ה') ד. 19 ד. ח. 6 אָווענד

קומט פאָר אין דער שטאָדט־שוהל

א גראַנדיעזע טרויער־אַקאַדעמיע

צוליעב דער פטירה פון שעפער און בויער פון „ישיבת חכמי לובלין", איניציאַטאָר פון „דף יומי", מנהיג הדור, הגאון הצדיק רבי מאיר שפּירא זצ"ל אב"ד ור"מ בלובלין, אויף וועלכער ס'וועט גלייכצייטיג פּראָקלאַמירט ווערען דער אָנהויב פון דער „כופר נפש" אקציע פאַר „ישיבת חכמי לובלין".

מיט הספדים וועלען אַרויסטרעטען דער בעוואוסטער טאַלאַנטפולער רעדנער, שאַצער רב הרה"ג ר' משה חיים לויא שליט"א אבד"ק פרעשוב (טשעכיען) און דער בעוואוסטער תלמיד פון „ישיבת חכמי לובלין" דוד ווייסבראָט פון אָטוואָצק.

א היכרה וועט מאַכען חזן באַדאַש.

יודען, גיט אָב כבוד דעם גרויסען נפטר! קומט מאַסענווייז!

בעמערקונג: די עזרת נשים וועט אויך זיין אָפען פאַר פרויען.

הסתדרות „מזרחי", צינסטחוב.

מוצש"ק פ' תולדות, דעם 18 ד. ח. 8 אווענד אין לאָקאַל, אַלעע 5

קומט פאָר

די פאָרטזעצונג פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען סדר־היום: א) בחירת ועד. ב) שונות.

אַלע חברים ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פונקטליך.

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון אונזער חשוב'ן פערוואַלטונגס מיטגליד ה'

י. ב. מייטלים און פאַמיליע

צוליעב'ן טויט פון זייער געליעבטע פרוי און מוטער

נ"ע יעטקע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

ראַט און פערוואַלטונג פון באַנק ספּולדזיעלטשי, אַלעע 7.

(29

די לעצטע טעג פון הורדוס.

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שומאַכער.

(פאָרטזעצונג)

פראַנטאָ האָט זיך צולאַכט:

— ווען דו זאָלסט קלוגער זײַן, וואָלסטו נישט גערעדט אזאלכע שאַרפע ווערטער נעגען א מענש, וועלכער האָט די מאַכט איבער דײַן לעבען. דאָס מאָל שענק איך דיר, זאָלסט אָבער וויסען, אז איך האָב גענוג מיטלען דיך אינטערעסאַנט צו מאַכען און איך שווער, אז דאס וועט געשהן ווען די גלויבסט נישט? זעה, דא האָב איך אזא געטראַנק, וואָס איך וועל ארײַנשהון אין דעם עסען און טרינקען, וועלכעס מען דערלאַנגט דיר, דאַן וועסטו שלאָפען און נישט וויסען, וואס מיט דיר קומט פאָר.

— וועל איך נישט עסען און נישט טרינקען.

— דו האָסט הפנים נאָך קײַנמאָל נישט געהונגערט — האָט פראַנטאָ זיך צולאַכט — ווען דײַנע געדערים וועלען פאָדערען עסען, ווען די צונג וועט אין מויל טרוקען ווערען, דאַן...

— דאַן וועל איך אָן דער וואַנד מײַן קאָפּ צושטעטערן!

פראַנטאָ האָט געהערט די ווערטער און פערשטאַנען, אז זײַן מיה איז אומזיסט. א ווילדער כעס האָט איהם בעהערשט.

— אט זעהסטו א פענסטער, וואס געהט ארויס אויפ'ן הויף. אויב איך וועל נישט בעקומען אין א שעה ארום א ידיעה אז די ניבסט דיך אונטער, וועסטו אליין זעהן א הייבען סלופּ, וואס מײַנע שקלאַפען וועלען אויפשטעלען און דו האָסט שוין געזעהן ווי מען העננט א מענש?

נאָך א ווײַלע און דו וועסט זעהן דײַן פאָטער הענגען אויף דער תליה. ער וועט מיט זײַנע אויגען קוקען אויף דיר, דען דו ביזט די אורזאַך פון זײַן גרויזאַמען טויט.

שלומית איז געשטאַנען אָהן בעוועגונג און אויסגעהערט וואס פראַנטאָ האָט צו איהר גערעדט. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ און שטאָלץ געזאָגט:

— מײַן פאָטער איז א יוד און יעדער יוד וועט מיט פערגעניגען בעגעגענען דעם טויט, אײַדער צו זעהן זײַן טאָכטער אין די אָרעמ'ס פון א רוימער. און א חוץ דעם ווײַסטו אליין זעהר גוט, אז אספּסײַנים וועט נישט ערמאָרדען דעם ברודער פון יוחנן גוש חלב צוליעב דער ווילדער תאוה פון א שקלאַף. דעם לעבעדיגען יעקב בן לוי וועט אספּסײַנוס פון דיר פאָדערן און נישט קײַן טויטען.

פראַנטאָ האָט פון כעס געריסען זײַנע ליפּען.

— אספּסײַנוס..

אויך דאָ שטערט איהם אספּסײַנוס אין מיטען וועג? איז שוין באמת נישטאָ קײַן עצה צו בעזיגען דעם שטאָלץ פון דעם יודישען מײַדעל? פלוצלינג איז א גרויזאַמער געדאַנק בײַ איהם ענטשטאַנען. ער האָט געוואָרפען א בליק אויף תמר'ן און שלומית איז געוואָרען בלאַס ווי דער טויט, זי האָט איהם פערשטאַנען...

— ליעבסט זי זעהר? — האָט פראַנטאָ געפרעגט און אָנגעוויזען אויף תמר.

שלומית האָט איהר פּנים פערדעקט און אָבגעקעהרט דעם קאָפּ. דאַן האָט זי דערהערט א ווילדען געלעכטער.

— נאָך אײַן ווײַלע און דו וועסט זי שוין נישט ליעבען.

ער האָט זיך אומגעקעהרט, זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר, נאָר שלומית האָט איהם נאָכגעיאָגט און איהם אָבגעשטעלט אין מיטען וועג.

— וואס ווילסטו טהון?

— דו וועסט באַלד זעהן, צו וואס זאָלען מיר פערברענגען צײַט אויף איבעריגע ווערטער?

פראַנטאָ האָט א קלאַפּ געטהון מיט דער האַנד און גליקעריאָן איז ארײַנגעקומען.

— רוף ארײַן די דינסטען — האָט פראַנטאָ אויסגערופען — און ברענג אויך מיט די פידעל, דען די קלײַנע וועט אונז זינגען ליעבע־ליעדער — האָט ער אָנגעוויזען אויף תמר.

זאָגאַר די אלטע שקלאַפין האָט אָנגעהויבען צו ציטערן.

— זי איז דאָך נאָך אזוי יונג — האָט גליקעריאָן שטיל געזאָגט.

— וועט איהר שמים אויך זײַן יונג און אנגענעהם — האָט פראַנטאָ מיט כעס געענטפערט.

די אלטע האָט גאָרנישט געענטפערט און ארויסגעגאַנגען. דאַן איז אין צימער געוואָרען טויט־שטיל, זאָגאַר דער ווינד האָט זיך ווי אָבגעשטעלט. די לבנה האָט זיך צוגעאײַלט צו פערדעקען איהר געזיכט מיט געדיכטע וואָלקענס..

פראַנטאָ איז געשטאַנען בײַ דער טהיר, פערלענט די הענד, נאָר זײַנע ליפּען האָבען קוים וואס זיך בעוועגען מיט א העלישע פײַער.

תמר איז געלעגען אין די אָרעמס פון שלומית און איהרע פלייצעס האָבען געציטערט פון געווײַן. שלומית האָט זי געגלעט און ווי געבעטען בײַ איהר פערצײַהונג. דאס מיידעל האָט אָבער פון גרויס שרעק גאָרנישט פערשטאַנען. זי האָט אויך גאָרנישט געהערט וואס שלומית האָט איהר געזאָגט.

עס האָבען זיך דערהערט טריט און פראַנטאָ האָט פערלאָזט זײַן אָרט בײַ דער טהיר.

— עס איז נאָך צײַט — האָט ער מיט א הײַזעריגער שטים געזאָגט צו שלומית — זאָג, וואָס דו וועהלסט אויס

שלומית האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ צו תמר:

— תמר, ווילסטו איך זאָל דיך רעטען?

דאס מײַדעל האָט געציטערט:

— גאָט, מײַן גאָט!

און פלוצלינג האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט, זי האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— בעסער דער טויט אײַדער שאַנדע! זאָלען מיר בעסער שטאַרבען!

שלומית האָט זיך אויפגעשטעלט און שטאָלץ געקוקט אויף דעם מערדער:

— האָסטו רוימער געהערט? מיר וועלען שטאַרבען!

— שטאַרבען! נאָר שטאַרבען וועט איהר? עס איז דאָך פערהאַן א לעבען, וואס איז פיעל ביטערער ווי דער טויט.

פראַנטאָ האָט געעפענט די טהיר. אין צימער איז שרעקליך ליכטיג געוואָרען שלומית האָט גאָרנישט געזעהן, איהר קערפער האָט געציטערט, זי האָט זאָגאַר נישט געפיהלט, ווי מען האָט פון איהרע אָרעמס דאס מײַדעל צוגענומען, נאָר ווען תמר האָט אויסגעשריגען האָט זי זיך אומגעקוקט.

א רויך האָט אָנגעפולט דאס צימער, די פּנימ'ער פון די שקלאַפען האָבען אָנגעוואָרפען א פחד, זייערע אויגען האָבען אויסגעזעהן ווי לעכער אין די שאַרבען פון מתים. נאָר די אויגען פון דעם מערדער האָבען געברענט פון תאוה צו פערניכטען, צו ערנידריגען אַלץ ארום זיך. שלומית האָט דאס געשרײַ גאָרנישט געהערט. עס האָט זיך איהם ארויסגעוויזען, אז איהרע ליפּען האָבען דעם געשרײַ ארויסגעגעבען און ווען שלומית האָט איהרע אויגען געעפענט, האָט זי בעגעגענט דעם בליק פון פראַנטאָ פול מיט שפּאָט און נצחון.

שלומית האָט געציטערט פון ווערטאָג און אויפרעגונג.

תמר איז געשטאַנען צוגעבינדען צו די אײַזערנע זײַלען, איהרע לאַנגע האָר זענען געווען פונאַנדערגעלאָזט, דער קערפער אויפגעדעקט, דען מען האָט פון איהר די קלײַדער אַראָבגעריסען.

שלומית האָט נישט געקענט אָברײַסען איהר בליק פון דעם שעהנעם' קינדישען קערפער. א שטראָם בלוט האָט איהר צום קאָפּ געשלאָגען. זי איז כמעט אין אָהנמאַכט געפאַלען. א ווילדער פערלאַנג איז אין איהר ענטשטאַנען — צוצופאַלען מיט די ליפּען און צו קושען דאס קינד. זי האָט מיט די הענד פערדעקט איהר געזיכט און געפאַלען אויף די קניהען.

(פאָרטז. קומט).

פ. בלומענקראנץ.

דריי פריינד.

(ערצעהלונג).

(המשך).

— זאל גאט אבהיטען! — האט זיך לאנדסבערג געווערט, פיהלענדיג, אז זיינע ווערטער האבען געטראפען אין פינטעלע אריין — איך האב דיך תמיד געהאלטען פאר אנ'ערענסטען, און מסתמא איז דיין ביזאיצטיגע התנהגות געוועזן — לויט דיין מיינונג בעגרינדעט. אבער איך מיין, אז דו בעגעהסט טעותים און ליידסט דערפון.

—דו רעדסט ווי אין די אלטע צייטען פערנעפעלט, ברמיזה.

— נישט אמת. איך בעגרייף דיינע ספקות אין דיינע איבערלעבענישען. דו ביסט אין דער עלטער, ווען דער איינזאמקייטס-געפיהל הויבט אן אטאקירען .דיר הויבט אן פעהלען אנ'„איינגען" ווינקעל, דאס ביסעל ווארימקייט. אבער, ברודער, דו ווילסט מאכען א מויש און ווער וויסט צו נישט קיין שלעכטען. דו וועסט דערנעהן אז עס איז פעראן א צווייט געפיהל, וואס איז דיר אפשר ביז היינט פרעמד, דאס איז לאנגוויילינקייט. לאנגווייליגקייט מאכט אין דעם דאזיגען ווארימען ווינקעל. וועגען וועלכען דו חלום'סט.

— די ביסט דיך טועה, לאנדסבערג. איך בין לגמרי געווען אין דער זעלבער מיינונג וויאס די. וויפיל מאל איך האב געקלערט וועגען שאפען מיר אנ'איינען משפחה-לעבען, האט מיך אבגעשרעקען דאס נודנע בעל-בתיש קיום פון די יונגעלייטלעך און זייער מאדנע קריכערישע התנהגות...

ווען דער רעיון האט אנגעפאנגען מיך פייניגען, האב איך זיך אבגעשאקעלט דערפון, פארשטעלענדיג זיך, ווי מיין צוקינפטיגע אשה א צעפאטעלטע, א בייזינע וועט מיך אויספארשען יעדען איינעד, וואו איך בין געזעסען א האלבע שעה לענגער, אדער אין מינוטען פון ווייבערישער שטימונג וועט זי מיר אין א מבול-ווערטער דערצעהלען וועגען איהר אמאליגען ערפאלג און אספיראציעס און געבען מיר צו פערשטעהן וועגען איהר דעגראדאציע, מסכים זיינדיג צו פערבינדען זיך מיט מיר...

איך האב דעריבער געוואלט זיין קאנסעקווענט, נישט ארייגלאזען קיין נורנעקייט אין מיין לעבען כ'האב זיך דעריבער אנגעהויבען נוהג זיין ווי אלע אנדערע אין מיינע יאהרען וואס זענען אהן „עיל רחיים". געפוצט זיך, גע־יא־ען עלעגאנט און געפלירטעוועט. געגאנגען מיט מיידלעך, אויסגעפאקט ביכער-ווערטער און געשפילט טיילמאל אפילו די ראל פון א פערליבטען.

געווען מיידלעך נאאיווע, וועלכע גלויבענדיג מיינע פלאטפיערדיגע דרשות, האבען זיך אין מיר איינגעליבט און געליטען דערפון. כ'האב, אין אמת'ן, קיינמאל נישט געוואלט זיין דאן-זשואניש, נור איך פלעג פשוט אליין מיטגעריסען ווערען פון מיין עלאקוויענץ, פון מיינע געשליפענע רייד, צו וועלכע אלע פרויען — אפילו די פיטיגרילי'ס חסידות'טעס — בעגיקען.

אין קאפע-הויז איז געווארען רוהיגער. א טייל פליכטיאטע קעפ האבען בעגוואלד אהיימגענומען די טעלטער, וועלכע האבען זיך שטיל געבעטען:

— טאטושו, יעשטשטשע יעדנעגא וואלצא! און מיט'ן קליינעם פינגער געקיצעלט אין די געגאלטע נאמבעס און געשפילט זיך צופיעשטשעט מיט די קלאפען פון זייערע פאטער'ס מארינארקעס. טריוואקס האט געבאמבעלט מיט די פינגער אויפ'ן טישעל און געמאכט א קליינע פויזע.

— ווי כ'זעה, האט לאנדסבערג בעמערקט — האסטו אויסגענוצט דיין צייט, אבער די דערצעהלטע איינצעלהייטען האבען דאך נישט קיין שייכות צו אונזער בעריהרטען ענין.

— דוקא א שטארקען שיכות. כ'וויל דיר דערצעהלען בפרטיות, כדי דו זאלסט פערשטעהן נעגוי די פסיכישע סבות און נישט משפט'ן מיך כלאחר-יד.

— בקיצור — האט טריוואקס פארטגעזעצט — כ'האב אבגעגארעצט מיט דריי דורות מיידלעך. אזוי ווי כ'האב בעמערקט, אז די עלטערע זענען קנאפע אנהענגערינס פון „קונסט לשם קינסט" און קלערען וועגען תכלית, אין מאנכע געבען נאר דיסקרעט צו פערשטעהן, אז זיי דארפען נישט דוקא קיין גרויסע וואוינונג, ווייל יעדער מענש מוז נעמען אין אכט דעם היינטיגען קריזיס — בין איך געגאנגען צוריק. „עושה-שלום'דיג". בקיצור: וואס עלטער איך בין געווארען, אלץ יונגער זענען געווען מיינע פאטענטרינס, אלץ יונגערע בין איך נאכגעלאפען.

— אט דא איז דיין פעהלער. דו האסט געדארפט געדענקען אין אלטען יודישען כלל פון איזהו חכם המכיר את מקומו! דו האסט געמוזט בעל-כרחך ווערען א „בלאזען", כדי צו אימפאנירען דער דאזיגער געזעלשאפט. דו ביסט טאקי בעגאנגען דעם פעהלער פון אלע „פאצעטען" אין דיינע יאהרען. מ'דארף געדענקען, אז יאהרען לעגען א חיתום אויפ'ן מענש און אויב דו ווילסט זיין שטיפעריש, ווי א 18 יעהריג מיידעל, וואס אלץ שמייכעלט באמת פאר איהר, קומט עס ארויס ביי דיר געקינצעלט. דו פאיאצעוועסט נור דאמאלס און דאס דאזיגע רופט זיך דערנאך אן ביי דיר אין דער פארם פון מינדערווערטיגקייטס געפיהל און מארנער געפאלענקייט.

— דו ביסט גערעכט. דו האסט עס גוט אויפגעפאסט. אבער איך האב נישט געקענט אנדערש האנדלען. דער עלטערער דור מיידלעך מיט דער ראפינירטער חתן-קאלקולאציע האט מיך אבגעשטויסען, און ווען איך בין ארויס אין אוועקנד אין גאס, האט מיך אנ'אויסטערלישער אומעט ארומגענומען. דער געדאנק, אז כ'וועל אלט האט מיר קיין מנוחה נגעגעבען. כ'האב מיר געוואלט איינרעדען, אז דורך פערברענגען מיט יונגווארג וועל איך אויך אויף נעפרישט ווערען. כ'האב זיך דעריבער בעמיהט צוצופאסען צו זיי, און מאקי פיעל מאל אדורכגעפאלען. כ'בין נישט איינמאל, אוועקגעהענדיג רויט געווארען פאר חרפה פון מיין הוילער פלאפלערייי.

כ'האב דעריבער געזעהן אז מיין פלאן איז אדורכגעפאלען. ווארום שווער פאר דורכשניטליכע מענשען צו שווימען געגען שטראם, אויסצוואראצלען פון זיך געווירשנ'טע פון דורות איינגעזאפטען און ניגונגען. אין מאנכע אווענדען בין איך געווארען יונגליש סענטימענטאל. כ'האב געפיהלט, אז יעדע פרוי, די סאמע פוסטע שבפוסטע, וועט מיך בעאיינפלוסען.

כ'פלעג אין אווענד אהיימקומען נאכ'ן ארומוואנדערען אין די גאסען און מיין עלענדקייט האט מיך נאך שטארקער געדריקט. ס'האט מיר פשוט אהעקגענומען דעם חוש. פון לייענע א בוך. פון מיין אמאליגער עקסטערמער קלויבערישקייט, פון מיין אמאליגען ראפינירטען עסטעטישען חוש (אזוי האב איך מיר איינגערעדט) בין איך אריינגעפאלען אין א צוויטען עקסטרעם. צוליב דעם דראנג און בעגער פון פערגעסען זיך, פון שאפען זיך אנ'אילוזיע פון וועמענס אינטערעס צו מיר, האב איך עס געוואלט געפונען ביי וועלכער ס'איז פרוי.

— אוי, ס'ווערט מיר נישט גוט — האט ארויסגעפלאצט זעלקאוויטש — ווער ס'הערט נישט א ביסעל די דרשה זיינע: ווארימקייט, אינטערעס! לאז ער נאר לאפען אזא קאסאנטפע ווי מיינע, וועט ער וויסען וואס הייסט לעבען אויף דער וועלט.

ווען איך פלעג האלב-טויט אהיימקומען פון דער ארבייט, האט מיין פלונית טע מיך געגעבען א קוק אן, צוזאמענגעפרעסט די ליפעלעך און נעוואנדען זיך צו מיר מיט א „שאווכליכען" טאן:

(סוף קומט)

ביי שטוהל-פערהאַרטונג, איבערפילונג פון אונטערלייב-בלוט, קאנזשעסטיע, נערוועז-יעהטאג אין די היפטען, קרייץ-שמערצען, שטעכן ניט, הארץ-קלאפען, מיגרענע, אוירען זשומיען, שווינדעל, געמיט-פערשטימונג דערפיהרט דאס נאַטירליכע Franciszka Józefa ביטער-וואסער צו א געדערים-אויסליידיגונג, פרייהען קאפ און רוהיגען שלאף.

רעוואלוציע אין פריישישען סטיל

אנ'ערנסטע בוך פון אנ'אמעריקאנער שריפטשטעלער וועגען היטלעריזם און וועגען 3-טען רייך.

א טשעקאווע בוך וועגען היטלערלאנד איז איצט ערשינען אין אמעריקא. דער מחבר הייסט האמילטאן פיש ארמסטראנג. ער איז דער ארויסגעבער פון זשורנאל „פארעין אפערס" (אויסלענדישע ענינים) דער סאמע ערנסטער צייטשריפט וועגען פראגען פון גרויסער פאליטיק, וואס ערשיינט אין אמעריקא.

ארמסטראנג האט געשריבען זיין בוך אונטער'ן דירעקטען רושם פון זיין בעזוך אין היטלער-לאנד.

פון די אינערליכע פראבלעמען אין דייטשלאנד האט זיך ארמסטראנג צוגעשטעלט אינטערעסירט מיט'ן אנטיסעמיטיזם, דאס איז בעזונדערס דערפאר, ווייל אין דערמאנטען „קאונסיל" זענען פערהאן זעהר פיעל איינפלוסרייכע יודען, וואס שטאמען פון דייטשלאנד. מיט גרויס וועהטאג רעכענט אויס דער מחבר א גרויסע רשימה פון אנגעזעהענע און פעררדיענסטפולע יודען, וועלכע האבען געמוזט ענטלויפען פון לאנד צוליעב די פערפאלגונגען פון רעזשים אויף אלע געביטען. מיט פאטאס שרייבט ער וועגען טרויעריגען גורל פון די צעהנדליגנער טויזענדער יודען, וועלכע האבען זיך געמוזט אויסבעהאלטען אין פראנקרייך, פוילען און אין טשעכאסלאוואקיי. ער ברענגט ברייטע סטאטיסטישע ציפערען וועלכע בעווייזען, אז דער אנטייל פון די יודען אין דער רעפובליקאנישער רעגירונג און אדמיניסטראציע איז געווען א נישטיגער. מיט ביטערער איראניע רעדט ער ארום די ראסען - געזעצגעבונג פונ'ם דריטען רייך.

ארמסטראנג גלויבט נישט אין דער גיכער מפלה פון דריטען רייך. ער גלויבט, אז דער היטלעריזם וועט זיך ארויסווייזען פאר פונקט אזוי שטארק און דויערהאפטיג, ווי דער פאשיזם אין איטאליען, ווי דער באלשעוויזם אין רוסלאנד. סכנות דראהען דער היטלעריסטישער בעוועגונג נישט פון דרויסען נאר פון אינעווייניג. די היטלעריסטישע מאסען זענען דורכגעדרונגען מיט ראדיקאליזם דערפון נעהמט זיך די מעגליכקייט פון א קאנפליקט צווישען די מאסען מיט דער אויבערשטער אנפיהרונג פון דער פארטיי. זעהר וואהרשיינליך ווייזט זיך אויס דעם מחבר א קאנפליקט צווישען די פיהרער פון דער בעוועגונג: צווישען היטלער'ן, געהרינג'ן און געבעלס'ן. היטלער אליין רעפרעזענטירט דעם מעבטינגען, קאנסערוואטיווען טייל פון דער פארטיי. ער געפונט זיך אונטער א גרויסען איינפלוס פון פרעזידענט פון דער רייכסבאנק ד"ר שאכט ער מוז אבער טיילמאל נאכגעבען זיינע מעהר ראדיקאלע מיטהעלפער, אזוי זאל עס האבען פאסירט מיט'ן אנטי-יודישען באיקאט פון 1-טען אפריל. היינט איז שווער, אז עמיץ זאל אפען ארויסטרעטען געגען היטלער'ן, אבער אין דער צוקונפט? ווער קאן דאס וויסען?

א סכנה דראהט דעם היטלעריזם מצד דער ווירטשאפט. אויף דער ווירטשאפטליכער צוקונפט פון דריטען רייך קוקט ארמסטראנג זעהר פעסימיסטיש. ער גלויבט נישט, אז די ארבייטסלאזינקייט זאל זיך שטארק פערקלענערן. ווי אזוי וועט דאס זיך אברופען אויף דער פאפולערקייט פון דער פארטיי? און צי וועט דייטשלאנד נישט מוזען געהן אויפ'ן וועג פון אינפלאציע? אבער די אינפלאציע האט אין דייטשלאנד איבערגעלאזט אזא פעטאלען זכרון, אז קיין שום רעגירונג, אפילו די היטלעריסטישע, קאן נישט האבען קיין זיכערקייט, אז דער שריט זאל אבגעהן גרינג.

ענדליך נאך איין געפאהר. דער היטלעריזם בעזיגט אלס בעשיצער פון דער וועלט געגען באלשעוויזם, אבער ער קעמפט מיט די מעטאדען פון זיין שונא. נאר איין דרעה פונ'ם ראדיאשרייפעל און דער אפאראט וועט שפיעלען די דייטשע ווערסיע פון אינטערנאציאנאל, פונקט אזוי ווי ער שפיעלט איצט דעם מארש פון די נאצים. נאר איין בעפעהל און די ס. א. וועלען ווערען די רויטע ארמעע.

די היטלעריסטישע בעוועגונג מיינט ער איז די בעוועגונג פון די יונגע, זיי געהט נישט אן די פערגאנגענהייט, זיי ווייסען גארנישט און ווילען גארנישט וויסען וועגען דעם, וואס עס האט פאסירט פאר'ן יאהר 1919, די עהרע פון ווילהעלם איז פאר זיי א פארהיסטארישע עפאכע און אויך די צייט פון דער רעפובליק איז נישט מעהר ווי די געשיכטע פון דער איינגער פארטיי און פון איהר וואוקס. זיין אורטייל וועגען דער פארטיי פארמולירט ארמסטראנג אויף פאלגענדען אופן:

דאס איז א בונט פון די מאסען... דאס איז נישט קיין צוריקקעהר צום אלטען דייטשלאנד.. דאס איז א רעוואלוציע אין סטיל פון 20 טען יאהרהונדערט, וועלכע איז פונקט אזוי ראדיקאל ווי די רוסישע, אבער אין פריישישען סטיל.. זי איז זעהר פריסיש, ווייל די בעפעלקערונג ווייל אליין איינגעשלינגען ווערען דורך דער מלוכה... פיעל פון די נאצים האבען נישט געהאט קיין שאנסען צו בעקומען שטענדיגע ארבייט פון זינט זיי זענען אוועק פון מיליטער... אט די יונגע היטלעראייצעס זענען שטאלץ פון זייער איגנאראנץ, זיי זענען שטאלץ מיט זייער פעראכטונג צו דער וויסענשאפט און צו די עראבערונגען פון די ספעציאליסטען, פון זייער אריסקייט. זיי זענען שטאלץ דערפון, וואס זיי זענען הונגעריג... די פיהרער זוכען אוואנטורעס, נקמה אויפ'ן חשבון פון די קאנקורענטען... דאס צום קאפיטאליזם צו שנעלע פערדיענסטען, קארופציע, צום כח פון געלד... א מין פריישישער מיסטיציזם אונטער'ן איינפלוס פון טשעמבערליין'ען (אנטיסעמיטיזם) און פון שפענגלער'ן (פעראכטונג צו דער דעמאקראטיע).

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אייגענטליך האב איך די וואך מעהר געהערט ווי געזעהן, מחמת דעם, וואס איך האב זיך אויך געלאזט מיט דער ביליגער נסיעה אין דער רעזידענץ אויף גראד שבת און זונטאג, ווען עס קומען פאר די סאמע וויכטיגסטע געשעהענישען, האב איך צוזאמען מיט נאך עטליכע הונדערט טשענסטאכאווער „אבראנצעס" פערברענגט אין ווארשא.

דעריבער וועט מיין היינטיגער „וואס געהערט און געזעהן" זיין איינגעטיילט אין צווייי און טאמער וועט עפיס נישט שטימען מיט דער ווירקליכקייט, זאלט איהר וויסען, אז דאס געהער צו דער אבטיילונג, וואס כ'האב געהערט און נישט געזעהן...

דער 15-יעהריגער יובל.

שבת האבען מיר געפייערט דעם 15-יעהריגען יובל פון פוילען'ס אומאבהענגיגקייט און לכבוד דעם האבען פערשידענע ארגאניזאציעס, ווי דער „סטזשעלעץ" און די „פערטיידיגער פון מערב-קרעסען" געגעבען הנחות אויף דער נסיעה קיין ווארשא, כדי ביישוואוינען די פייערונגען.

די איינדריקען פון דער נסיעה וועלען מיר ווידמען א בעזונדער קאפיטעל און דערווייל איבערגעבען ווי אזוי אונזער טשענסטאכאווו האט געפייערט דעם דאזיגען יום-טוב.

אין די שוהלען האט מען די פייערונגען איינגעארדענט גראנדיעז. עס איז גראד געווען שבת, ווען אלע יודען זענען פריי, האבען זיי איבערפולט די שוהלען און אנטייל גענומען אין דער שמחה פון לאנד. חזן באדאש האט מיט זיין כאר אבגעריכט די תפילות און אויך ה' פישעל אין דער נייער סינאגאגע האט געהעריג אבגעריכט די פייערליכע צערעמאניע.

דאן איז פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע אין שטאדט-טעאטער, אויף וועלכער עס זענען געוועזן פערטרעטען אונזערע חשובי-העיר מיט'ן רב און פרעזעסען פון דער קהלה אין דער שפיץ.

אויך די שטאדט האט אויסגעזעהן יום-טוב'דיג און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א גרויסער שמחה פון א פאלק, וואס פייערט דעם 15-יעהריגען יובל פון זיין בעפרייאונג און זעלבסטשטענדיגקייט.

עס איז געוועזן ליהודים.

וועגען דער זעהר וויכטיגער אינסטיטוציע „אחיעזר" האט איהר דאך שוין מסתמא געהערט, האט זי די וואך זונטאג געהאט א גרויסען יום-טוב און געלייגט א סטעמפעל אויף איהר ביזיעצטיגער טעטיגקייט און אויך אנגעצייכענט דעם וועג אויף דער צוקונפט.

קנאפע 5 יאהר עקזיסטירט די געזעלשאפט און דורך דער גאנצער צייט איז זי, נעביך, געוועזן א סובלאקאטארקע, איינגעדינגען ביי יענעם. די מיטגלידער האפען זיך מיט איהר אביסעל ווי געשעהמט, אט איז ער יא א מיטגליעד, אט הערט ער אויף צו צאהלען און אויב ס'איז ווער יא געוועזן א מיטגליעד פון דער „אחיעזר"-משפחה האט זיך איהם געדאכט, אז ער טהוט אלעמען א טובה...

האט גאט נעהאלפען און אונזער „אחיעזר" איז עולה לגדולה געווארען, דהיינו: ער האט זיך געדינגען אנ'אייגענעם לאקאל, איהר הערט, א „וולאסנע, שוויעטנע" לאקאל און צווישען אונז זאל עס בלייבען, האט די דאזיגע געזעלשאפט ליגען א שעהנעם קאפיטאל אין דער באנק, וואס א סך יודישע מיידלעך וואלטען זיך געמעגט ווינשען צו האבען אזא נדן און איינגעארדענט דעם פערגאנגענעם זונטאג א חנוכת-הבית, וואו עס זענען געקומען די מחותנים און זיך געפרעהט מיט זייערע מעשי ידיהם און לויט'ן פארשלאג פון מחותן ר' אייזיק יודעל האט דער עולם געטרינקען לחיים (דאס געלד אויפ'ן בראנפען האט מען נישט חס ושלום גענומען פון קניפעל, נאר יעדער האט געגעבען א פאר גראשען (א סך אונזערע געזעלשאפטען מעגען זיך אראבנעמען א מוסר) און מען האט זיך געווינשען, אז עס זאל קיינער נישט שטארבען.

אויך האט מען פערקויפט די ספעציעלע אבצייכענס, וואס יעדער מיטגליעד איז מחויב צו טראגען אין לאץ.

היינט איז „אחיעזר" א מיוחס און עס איז א גרויס גליק אויב מען וויל דיך אננעמען אלס מיטגליעד. נו, אודאי, אז גאט העלפט און מען בעקומט אויף זיך פעדערן, ווערט מען ביי זיך שטאלץ.

מיט איין ווארט: אין „אחיעזר" איז געוועזן ליהודים'דיג.

עס געהט זיי נישט...

דאס מיין איך דעם פיהרער פון דער יודענשטאטס - פארטיי, ה' מאיר גראסמאן. ער האט נישט קיין הצלחה צו אונזער שטאדט און ער מוז האבען דעם איינדרוק. אז טשענסטאכאוו איז א שטאדט פון אוואנטורניקעס און לאבוזעס.

צוויי מאל איז ער געווען ביי אונז מיט רעפעראטען אוןביידע מאל האט ער געהאט עגמת-נפש, ווארום דאס, וואס ס'איז פארגעקומען אויף זיינע פארלעזונגען, געדענקט טשענסטאכאוו נישט. ביי ביידע רעפעראטען האבען די געגנער געשטערט, געפיפען, געליארעמט און געוואלט אויפרייסען די פארלעזונג. דער אונטערשיעד איז, אז ביים ערשטען מאל זענען די שטערער געווען די לינקע ציוניסטען און דאס לעצטע מאל האבען דאס „פיינע" שטיקעל ארבייט אויסגעפיהרט די נעכטיגע ברידער, די אייגענע חברים.

רבותי, איך וועל זיך נישט אריינמישען אין אייער פאמיליען - מחלוקה, אבער ווען דאס ווערט אנ'עפענטליכער סקאנדאל, מוז מען אייך זאגען. האלט, לא זו הדרך! נישט מיט אזעלכע מיטלען און וועגען וועט איהר אויפבויען ארץ-ישראל און נישט בלויז אויף ביידע זייטען פון ירדן, נאר דאכט זיך, אז ביי אזא כאאס, וועט איהר נאר

משה אַש.

די גזרה אויף בערד.

(אַ טשענסטאָכאָווער מעשה).

אין יאָהר 1846 האָט די רוסישע רעגירונג ארויסגעגעבן אַ פערבאָט צו טראָגן בערד און פּיאות.

בעפרייט פון דעם פערבאָט זענען געוועזן יענע, וועלכע האָבן געהאַט בעשייניגונגען אַלס ראַבינאַט-מיטגלידער, פון וועלכען עס איז מאַגיסטראַט, ווי אויך די, וואס האָבן איינגעטראָגען אַ ספּעציעל צו דעם בעשטימטען אָבצאָהל.

נעגען אַלע אנדערע, וועלכע האָבן נישט קוקענדיג אויף דעם פערבאָט, דאָך געטראָגן בערד, איז דורך דער פּאָליציי צונויפגעשטעלט געוואָרען פּראָטאָקאָלען, וועלכע האָבן זיך געענדיגט מיט אַ געלד-שטראָף.

אונזערע אחינו בני ישראל האָבן זיך אָבער אַנ׳עצה געגעבן. די נגידים האָבן זיך פערשאַפט פון די קליינשטעדטעלדיגע מאַגיסטראַטען, ראַבינאַט-צייגנישען, אָדער געצאָהלט דעם בעשטימטען שטייער. דאַגעגען די אָרימע האָבן זיך געלאָזט מאַכען פּראָטאָקאָלען און בעת מען איז געקומען צו זיי איינציהען די שטראָף, האָבן זיי פאָרגעשטעלט אָרמוטס-בעשייניגונגען און אַזוי אַרום געווען בעפרייט פון שטראָף.

דער שעדליצער פּרעזידענט, נישט קענענדיג זיך קיין עצה געבען מיט די יודישע בערד, האָט אין מאָנאַט אַפּריל פיער יודישע פאַקטאָרס, וועלכע זענען געקומען אין מאַגיסטראַט ערלעדיגען זייערע ענינים — מיט צוואַנג געלאָזט דורך אַ פריזירער אָראָבנעמען זייערע בערד.

די שעדלעצער יודישע קהלה האָט געגען דער טהאָט פון זייער פּרעזידענט אריינגעטראַגען אַ פּראָטעסט צו דער קאָמיסיע פאַר רעליגיעזע ענינים ביים אינערן-מיניסטעריום און פערלאַנגט צו בעשטראָפען די שולדיגע, ווי אויך צו פעראָרדנען, אַז אַזעלכעס זאָל מעהר נישט פאָרקומען.

די קאָמיסיע האָט בעאויפטראַגט דעם שעדלעצער נאַטשעלניק פון פּאָוויאַט צו פיהרען וועגען דעם ענין אַנ׳אויספאָרשונג.

אַלס תשובה דערויף האָט דער שעדליצער נאַטשעלניק דעם 16.10.1846 ערקלערט, אַז לויט ווי די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט איז אמנם נעשה התועבה הזאת. עס איז אמת, אַז דורך דער שעדליצער מאַגיסטראַט-פּאָליציי איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַנ׳עקזעקוציע איבער 4 יודישע בערד, עס איז אָבער נישט געוועזן אַ געוואַלד-טהאַט, נאָר ברצון הטוב; דיזעלבע יודען האָבן זיך אין געהיים געוועדעט צום פּרעזידענט און ערקלערט, אַז זיי, אַלס קולטורעלע מענשען, שעהמען זיך צו טראָגן בערד, זיי האָבן אָבער מורא פאַר פאַנאַטיזם פון די פרומע יודען צו לאָזען זיך די בערד אָרונטערנעמען. זיי האָבן דעריבער געבעטען, אַז מען זאָל געגען זיי אָננעמען אַ צוואַנגס-עקזעקוציע, דערמיט זיי זאָלען נישט האָבן געגען זיך דעם צאָרן פון די יודען און גלייכצייטיג בעפרייט ווערען פון זייערע בערד. דער פּרעזידענט האָט זייער בקשה ערפּולט.

אַלס ראיה האָט דער נאַטשעלניק געבראַכט דאָס, וואס דער פּראָטעסט איז אַריינגעטראַגען געוואָרען נאָר פון דער שעדלעצער קהלה און נישט פון די געליטענע.

גלייכצייטיג האָט דער שעדלעצער נאַטשעלניק אויפמערקזאַם געמאַכט די קאָמיסיע, אַז די מעשה שעדלעץ ווייזט, אַז עס איז נויטיג וועגען דעם ענין אָנצונעמען שטרענגערע מיטלען און איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו פעראָרדנען אַ צוואַנג-עקזעקוציע געגען די יודישע בערד.

די קאָמיסיע האָט די בעמערקונג פון שעדלעצער נאַטשעלניק גענומען צו קענטניש און דעם 11.11.1846 אַרומגעשיקט צו אַלע פּאָוויאַטען אַ צירקולאַר, אין וועלכען עס ווערט דערציילט דער גאַנצער ספּור-המעשה פון שעדלעץ און דערביי איז צוגעגעבן געוואָרען דאָס רעכט דער פּאָליציי אָנצונעמען צוואַנגס מיטלען געגען די אַלע בערד טרעגער, וועלכע בעזיצען נישט דערצו די געהעריגע בעשייניגונגען.

גלייכצייטיג ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַלס כלי-קודש קענען אָנערקענט ווערען נאָר די, וועלכע פערנעמען אַנ׳אָפיציעלען ראַבינאַט-אַמט, אַלס רבנים אָדער דיינים און בעזיצען אַ בעשייניגונג דערויף פון זייער מאַגיסטראַט. דאַגעגען אַלע אנדערע כלי-קודש קענען נישט גענומען ווערען אין בעטראַכט.

אויך דער ספּעציעלער שטייער פאַר טראָגן בערד איז אָבגעשאַפט געוואָרען.

אין אונזער שטאָדט זענען אַלס אָפּיציעלע ראַבינאַט-מיטגלידער דורכ׳ן מאַגיסטראַט אָנערקענט געוואָרען דער רב ר׳ ישכר׳ל ווינגאַרטען און די דיינים: ר׳ נתן אַדערבערג, ר׳ יעקב אלי׳ ראָזען, ר׳ שלמה שטענצעל און ר׳ נחמי׳ לאַנדאַ.

אחוץ די אַלע, איז אַלס אָנגעהעריגער צום היגען ראַבינאַט און האָנאָראָווע דיין, צוגעשריבען געוואָרען אויך דער היגער גביר און למדן ר׳ יונה לאַנדוי.

ר׳ יונה לאַנדוי איז צו יענער צייט געוועזן אין אונזער שטאָדט דער גרעסטער עושר און אחוץ דעם ראַבינאַט—דער גרעסטער למדן.

וועלענדיג בעקומען דעם טיטול „מורה מורינו״, וועלכער געהער נאָר צו אַ רב, האָט ער זיך געלאָזט וועהלען אַלס רב אין שטשעקאָטשין אָהן שבירות אויפגעשטעלט דאָרט פאַר זיין געלד אַ מקוה און פערנעמענדיג דעם דאָזיגען פּאָסטען אַנ׳ערך דריי חדשים, האָט ער זיך פון רבנות אָבגעזאָגט, צוריקקומענדיג נאָך טשענסטאָכאָוו וואו עס איז איהם פערבליבען דער נאָמען „שטשעקאָטשינער רב״ ביז צו זיין פטירה.

אין טשענסטאָכאָוו האָט ער געפיהרט אַ ישיבה און נאָך ביים היינטיגען טאָג געפונען זיך דאָ זיינע תלמידים.

אויך האָט ר׳ יונה לאַנדוי געגרינדעט אַ שוהל, וועלכע האָט זיך גערופען דעם „שטשעקאָטשינער רב׳ס מנין״ (היינט „שערי ציון״).

אויף דער השתדלות פון היגען ראש הקהל און קהלה-תקיף ר׳ גרשון לאַנדוי (דער גרויסער גרשון), וועלכער האָט געוואָלט זיין ברודער ר׳ יונה פערזיכערן די באָרד און פּיאות, האָט ער איהם מיט דער הסכמה פון שטאָדט-פּרעזידענט, צוגעשריבען אַלס טשענסטאָכאָווער „פּאָדראַבין״.

אַנ׳אויסנאַהם האָט דער מאַגיסטראַט געמאַכט אויך מיט דעם זעלבען ראש-הקהל ר׳ גרשון, וועלכען מ׳האָט נישט-אָפיציעל טאָלערירט און נישט געשטערט איהם אין טראָגען זיין שעהנע באָרד.

ר׳ גרשון לאַנדוי איז געוועזן אַ בעל-בית, געהאַט חזקה צו דאַווענען ראש-השנה אין דער שוהל מוספים, כאָטש עס איז פערהאַן געוועזן אַ שטאָדט-חזן. אַ יוד אַ הדרת-פנים, ענהליך צו זיין ברודער ר׳ יונה. אין איין זאַך איז אָבער געוועזן אַנ׳אונטערשיעד צווישען די צוויי ברידער: בעת דער עלטערער, ר׳ יונה איז געוועזן אַ למדן, איז דער יונגערער ר׳ גרשון ווייט געוועזן פון לערנען. אַ חוץ דאַווענען און תהלים זאָגען האָט ער קיין איבריג לומדות נישט בעזיצט.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ר׳ גרשון ברויך וועגען זיינס אַ געשעפט-אָנגעלעגענהייט צו פאָהרען נאָך דייטשלאַנד דורך דער ווירושאָווער גרעניץ, מורא האָבענדיג, עס זאָל איהם אויפ׳ן וועג ביז צו דער גרעניץ נישט טרעפען אַ מכשול מיט דער באָרד, האָט ער גענומען ביי זיין ברודער ר׳ יונה בתורת הלואה זיין ראַבינאַט-קאַרטע.

אַזוי ווי צו יענער צייט איז קיין ווירושאָוו אַ באַהן נישט געגאַנגען איז ר׳ גרשון געפאָהרען מיט פערד, וועלכע זענען אָנגעקומען אויף דעם פּלאַץ אַ שעה שפּעטער, ווי די גרעניץ איז געוואָרען געשלאָסען. ער איז דעריבער געצוואונגען געוועזן צו בלייבען נאַכט אין ווירושאָוו.

אַריינקומענדיג אין דעם איינציגען יודישען רעסטאָראַן - האָטעל, וועלכעס דאָס שטעדטיל האָט בעזיצט, האָבען אַלע געסט מיט׳ן בעל-הבית בראש זיך אויפגעשטעלט און מיט יראת - הכבוד אָבגעגעבען „שלום״, פערשטעהענדיג, אַז אַזאַ שעהנער יוד, וועלכער האָט נישט קיין מורא זיך צו ווייזען מיט אַזאַ גרויסער באָרד אין דער עפענטליכקייט, איז געוויס אַ רב.

ר׳ גרשון האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס דער געוועזענער שטשעקאָטשינער רב און היינטיגער „פּאָדראַבין״ פון טשענסטאָכאָוו, יונה לאַנדוי און דער בעל-הבית האָט איהם אָבגעטרעטען דעם אויבנאָן ביים טיש.

אין מיטען בעסטען קומט אַריין צו לויפען די בעל-הבית׳טע, האַלטענדיג אַ פּיפּעק אין דער האַנד און אויסרופענדיג מיט שמחה: „געזונד און שטאַרק זאָלט איהר מיר זיין, הייליגער רבי! גאָט האָט מיר געשיקט די רפואה פאַר דער מכה. איך האָב גע׳שחט׳ען אַ גאַנז צו האָבען פאַר די געסט אויף וויעטשערע, האָט זיך געפונען אַ נאָדעל אין פּיפּעק. דער היגער רב איז אַוועקגעפאָהרען און איך קען מיר נישט קיין עצה געבען. זענט איהר מיר געקומען ווי אַ מלאך פון הימעל. דאָ רבי, האָט איהר דעם פּיפּעק און פּסקנ׳ט מיר די שאלה. ענדיגענדיג איהר מאָנאָלאָג האָט זי אונטערגעריקט ר׳ גרשונ׳ען דעם פּיפּעק.

אונזער ראש-הקהל, הערענדיג דעם פּומון פון דער יודענע האָט נעביך בעקומען אַלע קאָלירען אין פּנים און זיך געוואָלט מיט פערשידענע תרוצים אַרויסדרעהען, דהיינו, אַז אָהן רשות פון מרא דאתרא טאָר מען נישט פּסקענען א. ז. וו. דער גאַנצער עולם געסט האָבען אָבער אונטערשטיצט די בקשה פון דער ווירטין, ווייל זיי האָבען בעקומען אַ חשק צו אַ פּריש געבראַטען גענזיל. נישט האָבענדיג קיין עצה האָט זיך ר׳ גרשון גענומען צו דער שאלה. נישט וועלענדיג אָבער מכשיר זיין, טאָמער איז עס טרפה, האָט ער זיך אויסגעקליבען דעם לייכטסטען און זיכערסטען וועג, זאָגענדיג: טרפה.

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אונצופרידענהייט, צווישען די געסט בעיקר ביי די בעלי-בתים, דערצו איז געפאַלען אַ חשד, וואס די שאלה איז אָדורכגעזוהען געוואָרען דורכ׳ן פּוסק נישט אויפגעשניטען. עס האָט זיך ביי די אַנוועזענדע אַריינגע׳גנב׳עט אַ חשד אויב דער „רב״ איז נישט עפּיס אַ רמאי, וואס האָט אויף אַ נישט-לעגאַלען אופן בעקומען אַנ׳אַטעסטאַט.

נישט מאַכענדיג זיך וויסען פאַר קיינעם, האָט דער בעל-הבית פון דער אכסניה געשיקט אַ שליח-מיוחד מיט דער שאלה קיין וולוין צום דאָרטיגען רב. נאָך אַ קורצער צייט איז דער שליח צוריקגעקומען מיט דער תשובה, אַז דער וולוינער רב האָט גע׳פּסקנ׳ט.

צושטערען דאָס, וואס עס איז מיט גרויס שווייס און מי׳ה אויפגעבויט געוואָרען.

וואָרפען שטינק-באָמבעס אויף רעפּעראַטען, מעג עס זיין אַפילו אַ געגנער, איז נישט אנשטענדיג אַפילו פאַר רעוויזיאָניסטען.

איך פאָלג נאָך מיט׳ן גאַנצען ערנסט אייער אַרבייט און איך האָב צו אייך אַ בעציהונג, נאָר אויב דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אויף גראָסמאַנ׳ס פּאָרלעזונג זאָל זיין אַ טייל, כ׳רעד שוין נישט פון אייער פּראָגראַם, נאָר אַפילו פון אייער טאַקטיק, אין עס ליידער אַ זעהר טרויעריגע ערשיינונג.

יעדענפאַלס מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אַז זיי, די רעוויזיאָניסטען, וועלכע רופען זיך היינט יודענשטאַטס-פּאַרטיי, מיט זייער פיהרער מאיר גראָסמאַן, אַז עס געהט זיי נישט.

אפשר, אפשר, ווען זיי וועלען אויסוואַקסען, וועלען זיי מעהר הצלחה האָבען.

אָט וועגען דעם אַלעם האָב איך געהערט און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם, וואס כ׳האָב געזעהן.

זיי האָבען שלעכט געשאָסען...

די „סטזשעלצעס, וועלכע האָבען אַ חזקה איינצואָרדנען די פּאָפּולערע צוגען, האָבען דאַסמאָל, צום 15-יעהריגען יובל פון פּוילענ׳ס אונאָבהענגיגקייט אויך איינגעאָרדענט אַזאַ פּאָפּולערען צוג און אַרויסגעגעבען מודעות. איידער אָבער אַ טייל פּאַסאַזשירען האָט זיך פערשריבען, האָט זיך בעוויזען אַ צווייטע מודעה פון די „אַבראַנצעס קרעסוב זאַכאָדניך״, אַז זיי געבען צו פאָהרען קיין ווארשא אויף בעסערע בעדינגונגען — מען וועט קאָנען פאָהרען מיט יעדען צוג, וואס מ׳וועט וועלען און די הנחה וועט קאָנען דויערען גאַנצע 5 טעג.

אונזערע יודען האָבען בעסער אויסגעקליבען צו פאָהרען מיט די „אַבראַנצעס״, אגב האַלטען מ-ר מעהר פון דער „אַבראַנע״, ווי פון „שיסער״ און במילא איז די פרעקווענץ ביי די „סטזשעלצעס״ געווען אַ שוואַכע. איבער דעם טאַקי און אפשר צוליעב נאָך אנדערע סיבות האָט דער „סטזשעלצעס״ פעראיין די לעצטע מינוט מודיע געווען, אַז דער צוג, וואס דאַרף אָבגעהן פון טשענסטאָכאָוו פרייטאָג 6 אַ זייגער פריה, וועט ערשט אָבפאָהרען 12 בייטאָג.

צווישען די פאָהרענדע האָבען זיך אָבער געפונען אַ סך „סטזשעלצעס״, וועלכע זענען שטאַרקע אָנהענגער פון גער און האָבען געוואָלט פאָהרען קיין גער אויף שבת, אַזוי אָבער ווי דער צוג איז ערשט אָבגעגאַנגען 12 בייטאָג, וואָלטען זיי דאָך אַמפּריהסטען געקענט אָנקומען קיין ווארשא צום ליכט-צינדען, אָבער אין גער וואָלטען זיי שוין נישט געקענט בעווייזען מקבל שבת צו זיין. איז דאָך געוואָרען אַ מהומה, אַ געוואַלד: געוואַלד, גזלנים, וואס האָט איהר פון אונז געוואָלט?! זענען טאַקי די גערער „סטזשעלצעס״ באַלד געלאָפען צו די „אַבראַנצעס״, זיך פערשריבען אַלס מיטגלידער, אַרויסגענומען די לעגיטימאַציעס און היידאַ, אַראָב צום צוג אויסקויפען די בילעטען קיין ווארשא און די „סטזשעלצקע״ בילעטען פערקויפט בחצי חנם.

צוליעב דעם האָבען די „סטזשעלצעס״ געהאַט אַ שטיקעל מפּלה און דאָס מאָל האָבען זיי שלעכט געשאָסען...

ווארשא.

כ׳ווייס נישט ווי איהר, נאָר מיך לאָקט ווארשא און ווען עס מאַכט זיך נאָר אַ גוטע געלעגענהייט, בין איך פון די ערשטע, וואס רייסען זיך אָב אויף אַ פּאָר טאָג פון אונזער נודנעם טשענסטאָכאָוו אין לויף קיין ווארשא צו בעקומען אַביסעל איינדריקען, זיך אויסמישען מיט דעם הו-האַ פון דער גרויסער שטאָדט, זיין איינער פון די טויזענדער נישט-בעמערקבאַרע שפּאַצירענדע.

ווארשא האָט אָבער פאַר אַ „גאַסבראַט״ נאָך אַ צוציהונגס-קראַפט מיט זיין שוואונג. עפּיס איז דאָך ווארשא די גרעסטע יודישע קהלה אין אייראָפּאַ, זי בעזיצט אַ ריזיגע יודישע פּרעסע, יודיש טעאַטער א. א. וו.

די איינדריקען, וואס איך האָב דאָס מאָל אַרויסגעטראָגען פון „מיין״ ווארשא, זענען נישט אַזעלכע פרייעלדיגע. עס פיהלט זיך אויף שריט און טריט דער קריזיס, סיי אין מאַטעריעלער הינזיכט, סיי אין דער גייסטיגער.

ליטעראַטען-פעראיין.

אַמאָל האָט מען דאָרט געטראָפען פערשידענע טיפּען פון דער אַזוי-גערופענער „באָהעמא״, אָבער יעדער איז געווען בעשעפטיגט. פערדינט און זיך געקאָנט פערגינען אין דער פרייער צייט קומען אין פעראיין און קיבוצ׳ן. היינט זענען זייערע פּנימ׳ער פערחושכ׳טע, אַלע טראַכטען נאָר פון איין זאַך: פּרנסה. פון וואַנען געמט מען אויף אַ מיטאַג. זעלטען ווער פון די ליטעראַרישע „בראָדיאַגעס״ האָט אויף אַ פּאַפּיראָס און דעריבער. ווען עס קומט איינער פון דער פּראָווינץ, בעפּאַלט מען איהם און מען וויל פון איהם געוואויר ווערען, צי ער האָט אַ פּאַפּיראָס...

דאַן שלאָגט מען אייך פאָר פערשידענע פּראָיעקטען. איינער האָט אָנגעהויבען פּלוצים צו זינגען און ער וויל געוואויר ווערען, צי ער וואָלט געהאַט אין טשענסטאָכאָוו ערפאָלג. דעריבער בעט ער מיך אַלס אַ פּרעסע-מענש דערין איהם צוצוהעלפען. דערווייל מאַכט ער אַ פּראָבע און זינגט מיר עטליכע ליעדלעך. איך זאָג איהם צו ביי אַ געלעגענהייט מיטצוהעלפען, גיב איהם מיין אַדרעס און אַ פּאַפּיראָס און ווער פון איהם פּטור.

אַ צווייטער וויל איינאָרדנען אַ קונסט-אויסשטעלונג און דערביי בערימט ער זיך, אַז זייערע אויסשטעלונגען האָבען געהאַט דעם אמת׳ן ערפאָלג און ווען איך זאָל איהם נאָר צוהעלפען איז ער זיכער, אַז דאָס טשענסטאָכאָווער פּובליקום וועט צוכאַפּען זיינע בילדער.

דער דריטער האָט אָנגעשריבען אַ בוך, לייגט ער מיר פאָר צו קויפען אַזאַ בוך און איך זאָל עס איהם העלפען פערשפּרייטען אין טשענסטאָכאָוו. דערווייל וואָלט ער אָבער געוואָלט האָבען אויפ׳ן נויטיגסטען... דער פיערטער האָט אָנגעשריבען עטליכע סכנות-נפשות׳דיגע ראָמאַנען, באַלאַדעס, סקיצען און פּאָעמעס. אפשר וואָלט מיין צייטונג געווען אַ בעלן עס אָבצוקויפען. לעולם, רייסען זיך אין זיין סחורה אַ רייהע צייטונגען, נאָר היות ווי ער איז מיט מיר אַלטע גוטע פריינט, וויל ער זיי מיר פערקויפען...

אָט אַזעלכע פאָרשלאָגען האָב איך בעקומען אין ליטעראַטען-פעראיין און איך בין מודה, אַז אַזוי ווי אַמאָל מיט 10—12 יאָהר צוריק, האָב איך געהאַט אַ גייסטיגע הנאה זיצענדיג אין פעראיין, האָב איך דאַסמאָל געהאַט גרויס עגמת נפש, זעהענדיג, אַז דער דלות שפּאַצירט אַרום און האָט אונזער חברה שטאַרק אָנגעגריפען.

אַ וואַרימען גרוס פון האַרציגע פריינט.

מיר האָבען אויך בעזוכט אונזערע אַלעמענס גוטע בעקאַנטע און האַרציגע פריינט, די אַרטיסטען נחמה, קאַדיש, כאַש און גראָדנער, וועלכע שפּיעלען היינט אין ווארשא.

ווען די דאָזיגע מענשען האָבען אונז דערזעהן, איז זייער פרייד געווען אין לשער. זיי האָבען אונז געבעטען איבערצוגעבען דעם טשענסטאָכאָווער יודישען טעאַטער-עולם אַ האַרציגען ברודערליכען גרוס, צוגעבענדיג דערביי, אַז זיי וועלען קיינמאָל נישט פערגעסען דאָס טשענסטאָכאָווער פּובליקום, וואָס האָט זיי אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל וואַרימקייט און אָנערקענונג.

זיי בענקען שטאַרק נאָך דער דאָזיגער סביבה און זיי וואָלטען זיך געהאַלטען פאַר גליקליכע מענשען, ווען זיי וואָלטען געקאָנט צו אונז קומען כאָטש אויף אַ קורצע צייט, וואָס זיי שטרעבען צו טהון, ווען זיי וועלען נאָר האָבען די מעגליכקייט.

אַ יודישער קאַבאַרעט.

אַ טשענסטאָכאָווער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, וואָס דאָס הייסט אַ יודישער קאַבאַרעט. בלאַשטשינסקי אָדער דער „סאַוואָי״ איז ביי אונז דאָס מאַקסימום, וואָס מיר קאָנען דערגרייכען. ווארשא אָבער פערמאָגט אַ נאַכט-לאָקאַל, וואו עס קומען זיך צוזאַמען יודישע אינטעליגענטען, קינסטלער, מוזיקער, אַרטיסטען און עס טרעטען אַרויס זינגער, וועלכע זינגען אויף יודיש, טאַנצען אז״וו.

מיר זענען געזעסען מיט עטליכע פריינט אין גאָרטנערס רעסטאָראַן, און האָבען מקבל נחת געווען, מען פיהלט זיך אין אַ היימישער סביבה, מען רעדט אויף יודיש, מען זינגט אויף יודיש און אַפילו דער עולם טאַנצט אונטער די קלאַנגען פון יודישען אָרקעסטער אויך יודישליך.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען—אויף מיר מאַכט דאָס אַ אָנגענעמען איינדרוק.

ביי דער געלעגענהייט מוז איך פעסטשטעלען, אַז אונזערע טשענסטאָכאָווער האָבען אין ווארשא בעזוכט נאָר פּוילישע טעאַטערען און אויסגעמיטען די יודישע.

דאָס אַסימילאַטאָרישע טשענסטאָכאָוו האָבען זיי אַפילו אין ווארשא אויסגענוצט.

לויתן.

„כשר".

דאס האָט דעם חשד אויף דעם גאַסט נאָך פערגרעסערט און דער בעל-הבית מיט זיינע מקורבים האָבען זיך גענומען אין געהיים נאָכצוקאָנטראָלירען די ווייטערע גענג פון צוגעפאָהרענעם רב.

דאס גאַנצע התנהגות, ווי דאס דאַווענען, קריאת-שמע-לייענען, וואשען זיך א. ז. וו. פון דעם גאַסט האָט אויף אַלע געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס זענען נישט קיין רבנישע און עס איז ביי זיי געבליבען במוסכם, אַז דער יוד מיט דער שיינער באָרד איז אַ שווינדלער.

וועלענדיג פעסטשטעלען זייער השערה, האָט דער בעל-הבית זיך געווענדעט צום ראש-הפאָליציי, ער זאָל זיין גאַסט לעגיטימירען.

ר' גרשון האָט נישט געוואוסט וואס עם ווערט אַרום איהם אָבגעטהון און בעת די פאָליציי האט פערלאַנגט ער זאָל זיך לעגיטימירען, מיינענדיג, אַז מען מיינט זיין באָרד, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס טשענסטאָכאָווער „פאָדראַבין", יונה לאַנדוי.

נאָך אַ פערזענליכער רעוויזיע איז ביי איהם געפונען געוואָרען אַן'אויסלענדישער פאַס מיט בריעף אויפ'ן נאָמען פון גרשון לאַנדוי.

נישט געבענדיג קיין קלאָרע תשובה וואס דאס זאָל בעדייטען און פערפלאָנטערענדיג זיך אין די רייד, איז שוין ביי קיינעם נישט געוועזען קיין ספק, אַז מ'האָט געכאַפט אַ געפעהרליכען שווינדלער און מיט בעגלייטונג פון גאַנצען שטעדטיל איז ר' גרשון אָבגעפיהרט געוואָרען אין פאָליציי-אַמט.

דער ערשטער פסק געגען אונזער ראש-הקהל איז אויסגעפיהרט געוואָרען באַלד אויפ'ן אָרט, וואו עס איז דורך דער פאָליציי אַרויסגערופען געוואָרען אַ פריזירער, וועלכער האָט זיך מסעתק געווען מיט ר' גרשונ'ס באָרד, איבערלאָזענדיג זי אין קאָמיסאַריאַט.

בעת דער עקזעקוציע איבער דעם טשענסטאָכאָווער ראש - הקהל'ס באָרד איז פאָרגעקומען, האָט דער שטאָדטלך, וועלכער איז מיט אַן'עדה יודען געשטאַנען פאַר דער טהיר, געמאַכט אַ ברכה בקול רם: אשר גאלנו וגאל את אבותינו, און אַלע פערזאַמעלטע האָבען נאָכגעזאָגט: אמן.

נאָך דער עקזעקוציע איז ר' גרשון אין דער בעגלייטונג פון א פאָליציאַנט אָבגעפיהרט געוואָרען קיין טשענסטאָכאָוו צום נאַטשעלניק פון פאָוויאַט.

דער נאַטשעלניק האָט געפיהרט וועגען דעם ענין אַן'אויספאָרשונג, גלייכצייטיג ווענען דעם ווי אַזוי ר' יונה איז געוואָרען „פאָדראַבין", וועלכעס איז אין דער ווירקליכקייט געוועזען אַ פיקציע. דער סוף איז געוועזען, אַז דער שטאָדט-פרעזידענט איז פאַר צושרייבען אַ פאָדראַבין אויף אַ נישט-געזעצליכען וועג, געוואָרען אָבגעזאָגט פון זיין אַמט און די כלי-קודש'קייט פון ר' יונה'ן איז געוואָרען גע'פסל'ט. ר' גרשון האָט גלייך נאָך דער מעשה פערלאָזט טשענסטאָכאָוו, אַריבערציהענדיג זיך קיין ווארשא, אויך ר' יונה האָט זיך איבערגעטראָגען קיין לאָדז, וואוינענדיג דאָרט אַן'ערך צעהן יאָהר, זענען ביידע צוריקגעקומען אין אונזער שטאָדט, וואו זיי זענען נפטר געוואָרען.

פראָבלעמען פון אייגענער ערציהונג...

וויללענדיג נישט-וויללענדיג איז עס ממש אונפערשטענדליך: דאס יודישע טשענסטאָכאָוו האָט געהאַט די מעגליכקייט אויסצוהערען אַ רעפעראַט פון דעם יודענשטאַאַטס - פאַרטיי מנהיג ה' מאיר גראָסמאַן.

יעדער קולטורעלער מענש מוז מודה זיין, אַז ווי די בעציהונג צו אַ פאַרטיי-געגנער זאָל נישט זיין, מוז מען פאַרט רעספעקטירען און זיין אַנוועזענהייט זיינע געפיהלען און זיין פערזענליכקייט. דאס הייסט נישט אָבער, אַז מען טאָר נישט אַפּאָנירען זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען; אדרבה, ביי לייטען פראַקטיצירט זיך, אַז נאָך יעדען פאָליטישען רעפעראַט זאָגען אַרויס די געגנערישע צדדים זייערע מיינונגען און עס ווערט אין אַ קולטורעלער פאָרם געפיהרט אפילו אַ ליידענשאַפטליכע דיסקוסיע.

ביי אונז, יודען, האָט דאס אָבער ליידער, לחלוטין אַן'אַנדער פנים. איידער נאָך מע הערט אויס די בעהויפטונגען פון רעפערענט פון וואָסער צד ער זאָל נישט זיין, הויבען שוין אָן די געגנער צו שטורמען און לאָזען דעם רעדנער נישט קומען צום וואָרט.

אַט האָט זיך די וואָך אָבגעשפּיעלט אין פייערלעשער-זאָל אַ טראַגי-קאָמעדיע. די ביתרים, וועלכע זענען פערוואַנדעט אידעאיש מיט דער איצט אַזוי-גערופענער יודענשטאַאַטס - פאַרטיי; אַט די דאָזיגע יונגע רעוויזיאָניסטען ווען עס האָט ערצויגען מאיר גראָסמאַן בכבודו ובעצמו—האָבען שטורמיש געקעמפט טאַקי געגען איהם אַליין, בעליידיגט איהם און געזידעלט, נישט לאָזענדיג איהם פאַרטזעצען זיין רעפעראַט, אַזוי, אַז דער רעפערענט גופא האָט זיך אויסגעדריקט מיט גרויס וועהטאָג, כהאי לשנא: „כוליגאַנעס, ווי אַזוי קענט איהר זיין אַזעלכע מחוצפים. איך האָב דאָך אייך אויף מיין שויס ערצויגען. זעהט, איך האָב די לינקע ציוניסטען מעהר אַנגעגריפען, ווי אייך, פונדעמטוועגען אָבער בעזיצען זיי פיעל מעהר טאַקט ווי איהר".

עס קלינגען ממש טראַגי-קאָמיש די דאָזיגע ווערטער. איהם, זייער געוועזענעם מנהיג, וועלכער האָט בלב ונפש געאַרבייט פאַר דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג, דריקען זיינע געוועזענע תלמידים איהם אויס אַזאַ „דאַנקבאַרקייט"!

אַט דאס איז דער פראָדוקט פון רעוויזיאָניסטישער ערציהונג. פי ושים זענען איבעריג.

אברהם לאָזשניאַזש

דער חנוכת הבית אין „אחיעזר".

דעם פערגאַנגענעם זונטאָג האָט די געזעלשאַפט „אחיעזר" איינגעאָרדענט א חנוכת הבית פון זייער נייעם פרעכטיגען לאָקאַל, ווי אויך אָבגעגעבען אַ בעריכט פון זייער ביזאיצטיגע טעטיגקייט.

דער לאָקאַל איז העררליך דעקאָרירט און דער זאַל זעהט אויס יום-טוב'דיג.

דער שטאָדט-חזן ה' באַדאַש זינגט מה טובו, און דאַן מאַכט ער אַ הזכרה די 4 פערשטאָרבענע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

ה' סאָק גיט דאַן אָב אַ בעריכט פון דער ביזאיצטיגער טעטיגקייט, דערצעהלט וועגען דער ענטשטעהונג פון דער אינסטיטוציע פון ערשטען טאָג אָן פון איהר גרינדונג, שילדערט אַלע עטאַפען וואס זי האָט אַדורכגעמאַכט ביז ענדליך היינט, ווען דער „אחיעזר" איז אַן'אינסטיטוציע, וואס שפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון אונזער שטאָדט.

ה' הערצבערג גיט אָב דעם קאַסע-בעריכט און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער „אחיעזר" האָט אַ סומע פון 5 טויזענד זלאָטעס ליגען אין דער באַנק.

א גוטען איינדרוק מאַכט אויף די פערזאַמעלטע די מתנה, וואס איז געשענקט געוואָרען דורכ'ן וויצע-פרעזעס ה' פראַפאָרט, וועלכע בעשטעהט פון צוויי גרויסע זשיראַנדאָלען און שטאָרן צו גאַרדינען, די פערזאַמעלטע דריקען אויס דערפאַר דעם ה' פראַפאָרט א דאַנק.

ה' באַדאַש זינגט דאַן מזמור שיר חנוכת און דער עולם, וועלכער איז אַריין אין התפעלות לייגען-צונויף א פאָר גראָשען, מען שיקט נאָך בראָנפען און מען מאַכט א לחיים.

די פייערונג האָט אויף די אַנוועזענדע געמאַכט א גוטען איינדרוק.

דער וועד הפועל למען בנין ארץ-ישראל דתית

האָט זיך קאָנסטיטואירט ווי פאָלגענד:

יו"ר ה' ש. גאָלדשטיין, סגן יו"ר י. מ. גרינפעלד, גזבר ה. וועקסלער. מזכירים: ה' שמואל קאָבלינץ, יונגסטער.

זונטאָג האָט זיך די אַקציע אָנגעהויבען אין אונזער שטאָדט און די ביז העריגע רעזולטאַטן זענען בעפרידיגענד. די זאַמלער ווערען אויפגענומען בסבר פנים יפות. די אַקציע ווערט פאָרטגעזעצט און עס איז צו האָפען, אַז די אַקציע וועט זיך ענדיגען מיט גרויס ערפאָלג.

טשענסטאָכאָווער — אויסגעצייכענט אינ'ם טאָג פון דער 15-יעהריגער אונאָבהענגיגקייט.

דער בעריהמטער געלעהרטער, פראָפ. פון פיזיק אויף דער ווארשאווער פאָליטעכניק ד"ר מיעטשיסלאוו וואָלפקע, א זוהן פונ'ם געוו. דירעקטאָר פון היגען פעראיינס-גימנאַזיום, איז אין טאָג פון דעם 15-יעהריגען יובל פון פוילענ'ס אונאָבהענגיגקייט בעשאָנקען געוואָרען מיט א קאָמאַנדאָר-קרייץ „פאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ".

אדוו. יוליוש דרעשער איז אויסגעצייכענט געוואָרען מיט'ן אָפיצירען-קרייץ „פאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ".

וועגען דער גוטער טעטיגקייט פון אַ מאָטאָר

בעשטימט די גרויסע קראַפט ביי אַ קנאַפען פערנוצטען שטראָם. פאַרוואָס גיסטו נישט אכטונג ביים קויפען אַ זשאַרובקע, צי איהר ליכט-פראָדוקטיוויטעט געפינט זיך אין אַן'עקאָנאָמישער ענטשפּרעכענדער פראָפאָרץ צו דעם שטראָם, וועלכען זי פערברויכט? ווייניג פערנוצען שטראָם און אַרויסגעבען אַ סך ליכטיגקייט איז דער סימן פאַר אַ עקאָנאָמישער זשאַרובקע. פאָדערט אַלזאָ אומעטום זשאַרובקעס

TUNGSRAM

אַזוי זעהט אוי'ס די טאָגאַל-טאַבלעטקע

אויסערלעך אונטערשיידעט זיך די טאָגאַל-טאַבלעטקע נור מיט די אויסגעפרעגטע שוצמאַרקע, וואָס אנבעלאַנגט אבער איר כעמישען צוזאַמענשטעל און הייל-ווירקונג איבערשטייגען די טאָגאַל-טאַבלעטקיס בעדייטענד אַנדערע הייל-מיטעל. איבער 6000 דאָקטוירים דאַרונטער אַסך בעריהמטע פראָפעסאָרען האָבען מיט אַנערקענונג בעשטעטיגט די גוטע ווירקונג פון טאָגאַל. די טאָגאַל-טאַבלעטקיס ווירקען שנעל און גוט בי רעוומאַטישע שמערצען, פאָדאַגרע, נערוועז- און קאָפּ-שמערצען, גריפּע און ערקעלטונגען. אין אַלע אַפּטייקען.


Togal

קלייניגקייטען.

דער אַטענטאַט אויף אונזער קעניגין...

ווי בעוואוסט פיהרט אונזער יודישע „קעניגין" די „קראָלאָווא יאַדוויגאַ" אינטערהאַנדלונגען מיט די היגע בענק ווי אויך מיט די פאָרשטעהער פון די ציוניסטישע קרנות, אַז מען זאָל איהר איבערגעבען די אַלע איינגעפלאָסענע געלטער, וואָס זענען איהר נויטיג, כדי אַריבערצופיהרען דאָס יודישע פאָלק קיין ארץ ישראל.

היות אָבער ווי זי האָט בעשטימט אַלס הויפט-קאַסירער איהר ברודער שלמה וואכהאַלטער פון ווארשא, איז זי געפאָהרען נאָך איהם, אַז ער זאָל קומען איבערנעמען די אויפזיכט איבער אַלע געלטער,

געפאָהרען איז זי, ווי געוועהנליך, מיט די פאָפולערע צוגען אינגאַנצען אומזיסט און קיינער האָט איהר נישט געטשעפעט, פערקעהרט, מען האָט איהר נאָך כבוד צוגעטהיילט, אַזוי ווי אַ מלכה געהער·

דער ברודער איהרער אין ווארשא, וועלכער האַנדעלט מיט אַלטוואַרג, האָט אָבער נישט געוואָלט איבעררייסען זיין בעשעפטיגונג און איבערנעמען דעם אַמט פון פינאַנס-מיניסטער. האָט ער איהר פאָרשלאָג כסדר אָבגעלייגט אויף אַן'אַנדערש מאָל און איהר געשטעלט שווערע בעדינגונגען. דהיינו: זי זאָל איהם איינשיקען הונדערט זלאָטעס אויף דער הוצאה, דאַן זאָל זי איהם ברענגען א כתב מיט די חתימות פון ראַבינאַט, קהלה און פון די בענק, אַז זיי זענען מסכים דאָס ער זאָל קומען צו פאָהרען און איבערנעמען די געלטער, וואָס ווערען געזאַמעלט.

די קראָלאָווע האָט איהם געבראַכט חתימות פון פערשידענע אינסטיטוציעס און דער צוקונפטיגער פינאַנס-מיניסטער ר' שלמה האָט אַלץ נישט געוואָלט קומען צו פאָהרען, ביז ענדליך ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדען און ער איז געפאָהרען. האָט אָבער געטראָפען אַזאַ אומגליק, וואָס איז נאָר ווערט בעשריבען צו ווערען אין די גאַזעטען.

מיט'ן לעצטען פאָפולערען צוג, וואָס איז יענע וואָך געפאָהרען קיין ווארשא מיט די סטזשעלצעס, איז אויך געפאָהרען אונזער קראָלאָווא יאַדוויגאַ, נאָך איהר ברודער ר' שלמה. לכתחילה האָט ר' שלמה נישט געוואָלט פאָהרען, נאָר ווען די קראָלאָווא האָט איהם צוגעזאָגט, אַז די געלטער וואַרטען אויף איהם און ער דאַרף זיי נאָר וועלען נעמען, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדען, געקויפט אַ בילעט און געפאָהרען אהער. די קראָלאָווא אָבער איז, ווי דער שטייגער, געפאָהרען אהן אַ בילעט, און שטעלט אייך פאָר, אַז אין זשיראַדאָוו זענען צוויי „רעפובליקאַנער", אָנגעטהון אַלס אַ קאָנדוקטאָר מיט אַ קאָנטראָלער, אַרויף אויפ'ן צוג און געמאַכט א „זאַמאַך" אויף דער קראָלאָווא, זי אַרעסטירט און איינגעזעצט אין באַהן-פאָסטערונעק.

דער דאָזיגער אַטענטאַט איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַז קיינער פון די פאַסאַזשירען האָט דאָס נישט בעמערקט און דער ברודער, דער פינאַנס מיניסטער האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז זיין שוועסטער, די קראָלאָווא פעהלט. ערשט קומענדיג קיין טשענסטאָכאָוו האָט ער בעמערקט דאָס אומגליק.

פאָר גרויס עגמת נפש איז ער געלאָפען אין בית המדרש אַריין דאַווענען און ערשט שפעטער האָט ער אָנגעהויבען צו פיהרען אַן'אַקציע, אַז מען זאָל די קראָלאָווא בעפרייען.

דערוויילע איז דער פינאַנס מיניסטער געבליבען אין טשענסטאָכאָוו אָהן איין גראָשען געלט און ערשט גוטע מענשען האָבען זיך אויף איהם מרחם געווען, איהם געשאָפט אויף הוצאות און איהם משלח געווען קיין ווארשא, וואו ער וועט זיך ווייטער פערנעמען מיט אַלטוואַרג-האַנדעל.

ערשט אין א פאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען די קראָלאָווע צו פאָהרען. וואָס מען האָט מיט איהר געטהון און וואו זי איז געווען אַרעסטירט וויל זי נישט זאָגען. איין זאַך איז אָבער קלאָר, אַז נאָך דעם „זאַמאַך", וואָס איז אויבער איהר אויסגעפיהרט געוואָרען, האָט זי רעזיגנירט פון דער מלוכה און וועט שוין קיין קראָלאָווע מעהר נישט זיין...

לכבוד דעם חנוכת-הבית פון „אחיעזר".

היות ווי איך בין נישט געווען אַנוועזנד אויף דער חנוכת-הבית-פייערונג פון „אחיעזר", וואָס איז פאָרגעקומען דעם פערגאַנגענעם זונטאָג און האָב נישט געקענט פערזענליך בעגריסען צום דאָזיגען יום-טוב, וועל איך מיר דערלויבען די בעגריסונג צו מאַכען שריפטליך.

אַט אומגעפעהר אַזאַ רעדע וואָלט איך געהאַלטען:

רבותי, איך בעגריס אייך אין אייער נייעם לאָקאַל, וועלכער בעשטעהט פון 2 גרויסע צימערן, וואו די מיטגלידער זאָלען זיך קאָנען אָפרוהען נאָך אַ גאַנצען טאָג אַרבייט. זאָל דער נייער בעקוועהמער לאָקאַל זיין דער אַברוה אָ־ט פאַר די לעבעדיגע און דערמיט זאָלען זיין שוין יוצא זיין און פטור ווערען זיך אָבצורוהען אויפ'ן עולם האמת. די צוויי לייכטער, וועלכע זענען געקויפט געוואָרען אַוועקצושטעלען ביים בר-מינן זאָלען אויסגעטוישט ווערען אויף צוויי גרויסע זשיראַנדאָלען, וועלכע דער וויצע - פרעזעס ה' פראַפאָרט האָט געשענקט פאַר דער אינסטיטוציע.

די מונדירען, וועלכע זענען ספּעציעל אויפגענייהט געוואָרען פאַר די משפורים זאָלען אַזוי לאַנג ליגען אין דער ספּעציעלער שאַנק און נישט בענוצט ווערען, ביז מען וועט זיי אַוועקשענקען אין אַ מוזעאום פאַר אַלטערטימליכקייטען. דער קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט זאָל האַלטען אין איין וואַקסען און אין 5 יאָהר אַרום זאָל זי נישט דאַרפען ליגען אין פרעמדע בענק נאָר איהר זאָלט האָבען אַן'אייגענע באַנק. אַנשטאָט קומען אין פערשטענדיגונג מיט די אַפּטייקן און דאָקטוירים זאָלט איהר בעסער אַריינשטעלען יעדען מיטגליד אַ ראַדיאָ, כדי יעדען אָוונט, ווען ער דאַרף נישט געהן אין דער אינסטיטוציע, זאָל ער זיך הערען אַ גוטען קאָנצערט פון וואָס פאַר אַ שטאָדט ער וויל נאָר. צו וואס אייגענטליך דאַרפען אונזערע מיטגלידער שטאַרבען, זיי קאָנען דאָך לעבען, וועלען מיר קודם כל פטור זיין פון איינצאָהלען די 10 ער גילדענס און מען וועט נישט דאַרפען מאַכען קיין לויה'ס מיט הזכרות און די איבריגע גוטע זאַכען...

איי, אַז מען וועט נישט שטאַרבען וועלען אונזערע פריזען האָבען פערדרוס, ווייל זיי בעקומען נישט אויסגעצאָהלט די פאָר גילדען, זאָל עס אייך נישט אַהרען, וואַרום גענוג זענען שוין דאָ אַלמנות. ס'שאַדט נישט — אויב זיי האָבען זיך דעצידירט מיט אונז חתונה צו האָבען, זאָלען זיי זיך מיט אונז פייניגען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר...

מיר ווילען נישט שטאַרבען, נידער מיט'ן טויט! לעבען זאָל דאָס לעבען! גערעכט איז ה' ראָזענצווייג — אַביסעל בראָנפען זאָל מען נעמען, זאָל מען טרינקען „לחיים". מיר ווילען לעבען און נישט שטאַרבען, מיר האָבען נאָך צייט, פערקעהרט, אין אונזער אינטערעס ליגט, אַז אַלע אונזערע מיטגלידער זאָלען לעבען וואָס לענגער, ווי עס ווינשט אייך אייער פריינט, וועלכער האָט געסקיצטשעט.

סמאל

CHROŃ PŁUCA — PAL GILZY „TYTONIÓWKI"



הורט! רעטיייל!

עס איז שוין אָנגעקומען

שניעגאַווצעס און קאַלאַשען

צו פאַבריקס = פרייזען

צו בעקומען אין לאַנגיעהריגען שיך-געשעפט פון

Z. LANGNER, ALEJA № 10.

געדענקט די אדרעס!

דאַנקזאַגונג.

אין נאָמען פון רב און קהלה אין אמסטוב דריק איך אויס דעם האַרציגסטען דאַנק דעם חשוב'ן ה' **הערמאַן שאַיאַ** פאַר זיין אָפּפערוויליגע נדבה, וואָס ער האָט נעשאָנקען לטובת דער מקוה אין אמסטוב, בעת ער האָט פאַר א מינימום אונז פערקויפט אַ קעסעל.

זאָל איהם גאָט געבען הצלחה אין אַלע זיינע געשעפטען.

יעקב בענצלאָוויטש אמסטוב.

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

„ATLANTIC"
אַגראַדאָווא 14.

הערליכער דאָפּעלטער פּראָגראַם!
האַרי פּיעל אין א דאָפּעלטער ראָל

ON ALBO JA!

און א פילם פון ווייטען מערב

CARMENCITA

מיט באַקסטער, לאָוו און מאַנטענעגראַ

Kino „LUNA" dawniej „GRAND"

א פילם, וואָס ווערט צום ערשטען מאָל געוויזען ווערען אין פוילען

EKSTAZA

מיט דער שעהנער הערא קיעזלער

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג = צוגאָבען.

איינגאַנג פאַר יוגענד — פערבאָטען.

קאָמוניקאַט פון זש. ט. ק.

שבת, דעם 18-טען ד. ח. קומט פאַר אַנ'אויספלוג אין דער „מעטאַלורגיע". טרעף-פונקט אין לאָקאַל 9.45 פריה. אַרויסמאַרש פּונקטליך 10. אָבצאָהל 25 גראָשען, פאַר מיטגליעדער 15 גר.

שטיצט דעם קאַמפּיין פאַר'ן אויפבוי פון אַ רעליגיעזן ארץ-ישראל!

צייט ווען די ביתר"ים האָבען מיט צווישענרופען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיינע אונערהערטע דעמאַגאָגישע אַרויסטרעטונגען, וואָס האָט אייגענטליך נישט געזאָלט זיין דער ציעל פון רעפּעראַט, האָט דער ה' גראָסמאַן אָנגערופען זיי כוליגאַנעס און אנדערע „שעהנע" אויסדריקען, וועלכע האָבען אגב אַרויסגערופען גרויס פערביטערונג אויך ביי נישט רעוויזיאָניסטען. די מיטגלידער פון דער יודענשטאַטס-פאַרטיי נישט בעגניגענדיג זיך מיט די אָנפאַלען פון זייער מנהיג, האָבען זיך געוואָרפען מיט די פויסטען אויף די יוגענדליכע בית"רים און זיי געוואָלט בעזייטיגען פון לאָקאָל, דאַביי פערוואונדענדיג עטליכע מיטגלידער.

דאַביי האָבען אַנדערע נישט פעראינטערעסירטע עלעמענטען אויסגוצענדיג די געלעגענהייט, וואָס מיר האָבען זיך געגענזייטיג אָנגעגריפען פונאַנדערגעוואָרפען עטליכע גאַז-באָמבעס מיט דער כוונה אונז צו העלפען.

מיר ערקלערען דעריבער דאָס מיר האָבען מיט דעם נישט קולטורעלען און נישט עטישען אָנגריף קיין שום געמיינזאַמעס.

ב"ב מלכות ישראל.

ברית הנער העברי
ע"ש יוסף תרומפלדור בפולניה
קן בצינסטוחובה.

פון ספּאָרט

דער ערפאָלג פון דער פּראָפּאַגאַנדע-אַקציע פון „מכבי".

די פּראָפּאַגאַנדע-אַקציע, וועלכע ווערט אַדורכגעפיהרט לעצטענס דורכ'ן „מכבי", האָט אין פערלויף פון די לעצטע 4 וואָכען, פערשאַפט דעם פעראיין קרוב 100 נייע אַקטיווע מיטגליעדער. די אַקציע דויערט ווייטער.

באָקס-קאַמפּען פּ. ק. ס. — מכבי.

זונטאָג, דעם 26 ד. ח. ווערט געעפענט דער סעזאָן פון דער באָקסער-סעקציע פון „מכבי" מיט אַנ'אינטערעסאַנטען קאַמף צווישען דעם פּאָליציייאישען ספּאָרט-קלוב פון קאַטאָוויץ און „מכבי".

דעם פּאָליצייאישען קלוב וועלען צווישען אַנדערע רעפּרעזענטירען די בעקאַנטע שלעזישע באָקסער זשעלעזני, מייסטער אין פּאַפּיער-געוויכט, מאַטשקאַ 1, וויצע-מייסטער אין באַנטאַם-געוויכט און מיכאַלסקי.

וויעטשאָרעק — טרענירער פון דער באָקסער-סעקציע פון „מכבי".

דאָס פּרעזידיום פון „מכבי" האָט אנגאַזשירט אַלס טרענירער פון דער באָקסער-סעקציע פון „מכבי" דעם בעקאַנטען שלעזישען באָקסער, פּיעלמאַליגען מייסטער פון פוילען וויעטשאָרעק.

דער ערשטער טרענינג אונטער דער לייטונג פון ה' וויעטשאָרעק וועט פאָרקומען מאָנטאָג דעם 20-טען ד. ח. אין לאָקאַל אויף קאַטעדראַלנע גאַס.

דאַנסינג אין „מכבי".

שבת, דעם 18-טען ד. ח. 9 אָווענד אַרדענט איין דער י. ט. ס. פּ. „מכבי" אין אייגענעם לאָקאַל אויף קאַטעדראַלנע גאַס אַ דאַנסינג פאַר מיטגליעדער און איינגעלאַדענע דורך זיי געסט.

א טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט לטובת דעם אויפבוי פון א יודישען ספּאָרט-סטאַדיאָן אין טשענסטאָכאָוו.

קלאַנג = קינאָ
„STYLOWY"
2 אַלעע 27 — טעל. 1574.

די גרעסטע וועלט-סענסאַציע!
פוילישער פילם, וואָס ווערט גלייכצייטיג געוויזען אין אַלע אייראָפּעאישע הויפּט-שטעדט

SZPIEG W MASCE

אין די הויפּט-ראָלען: די געניאַלע לידער-זינגערין
האַנקאַ אָרדאָנובנאַ, באָגוסלאַוו סאַמבאָרסקי, איגאַ סים א"א.
איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאָבען.

Kino „EDEN", Aleja 12.

די גאַנצע וואַרשאַווער פּרעסע
האָט נישט געהאַט קיין ווערטער פון בעוואונדערונג און ענטציקונג
פאַר איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע בילדער פון סעזאָן א. ג.

POCAŁUNEK PRZED LUSTREM

וועלכער שילדערט די טראַגעדיע פון 4 מענשען
אויפ'ן אונטערשלאַג פון א ליעבעס - פעראַט.

הייסע מאָמענטען פון ליידענשאַפט. בעגעהר און פעראַט.

שטערבליכע שאָסען.

פּראָקוראַטאָרען און אַדוואָקאַטען. דאָס געריכט און שטראָף.

דאָס אַלץ איז אומגעפאַסט אין אַ פּראָפּירענדער אַקציע, ערוועקט אַלעמענס ענטוזיאַזם און פערבלייבט לאַנג אין זכרון.

גרויסע אַקציע פאַר „ישיבת חכמי לובלין" אין טשענסטאָכאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּטירה פון שעפער און בויער פון דער בעריהמטער לובלינער ישיבה — הרב שפּירא ז"ל, איז אונטערגענומען געוואָרען אין גאַנץ פוילען א גרויסע אַקציע אָבצושריינגען די ישיבה פון די גרויסע חובות, וועלכע בעדראָהען ערנסט איהר עקזיסטענץ.

אונזער שטאָדט, וועלכע האָט זיינער צייט פיעל בייגעשטייערט צום אויפבוי פון דער ישיבה, וועט געוויס אויך היינט אַרויסווייזען איהר ערנסטע זאָרג פאַר איהר קיום און דערמיט דערהאַלטען דעם הערליכען מאַנומענט פאַר'ן בעליעבטען גאון הרב שפּירא ז"ל.

בכדי צו ערמעגליכען די ברייטע יודישע מאַסען זייער אַנטייל אין דער אַקציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער „כופר נפש"-אָבצאָהל אין דער הויך פון 1 זלאָטע פון יעדער פּערזאָן.

ס'איז זיכער, אַז קיין שום יוד וועט נישט זיין פורש מן הצבור.

די „כופר נפש"-קופּאָנען זענען צו בעקומען אין פאָלגענדע שטעלען:

1) קאָאָפּ. סוחרישע באַנק, נייער מאַרק 13.
2) קאָאָפּ. האַנדעלס - באַנק, נייער מאַרק 4.
3) האַנדווערקער-באַנק, 1 אַלעע 12.
4) וואורשט געשעפט אַבראַמאָוויטש, 2-טע אַלעע 28.
5) יעקב הירש פּייערמאַן, אַלטער מאַרק 31.

יוד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי פּועלי ציון (פּער, מיט צ. ס.)

שבת, דעם 18 ד. ח. 3 אַ זייגער נאָכמ. קומט פאָר אין באַראַכאָוו-היים אַ מאָביליזאַציאָנס - פערזאַמלונג פון אַלע חברים-ות.

דינסטאָג, דעם 21 ד. ח. האַלב 9 אָווענד אַ מאַסובקע.

אַרב. ספּאָרט-קלוב הפּועל.

פרייטאָג, דעם 17 ד. ח. 7 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל קאָפּערניקאַ 11 א אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג א. ד. ט. דער צוזאַמענפאָהר פון הפּועל אין ווארשא.

שבת, דעם 18 ד. ח. 10 פריה — אַלע חברים פון דער פּינג-פּאָנג סעקציע מעלדען זיך אין סעקר.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

שבת, דעם 11 ד. ח. האָט די פערוואַלטונג בעשלאָסען זיך צו שטעלען אין נאָהנטסטען קאָנטאַקט מיט דעם אַנטי היטלעריסטישען קאָמיטעט אין קראָקא.

מיט דעם צוועק וועט אונזער שטאָדט בעזוכען דער ד"ר שעכטער פון קראָקא.

שבת, דעם 18 ד. ח. 11-30 מיטאָג קומט פאַר א פערזאַמלונג פון ברית הצה"ר. אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען פּונקטליך.

גרויסער הספד נאָכ'ן לובלינער רב ז"ל.

קומענדען זונטאָג ד. 19-טען ד. ח. פּונקטליך 6 אָווענד וועט אין דער שטאָדט-שוהל פאָרקומען אַ גרויסע טרויער אַקאַדעמיע צוליעב דער פּטירה פון שעפער פון „ישיבת חכמי לובלין", איניציאַטאָר פון „דף יומי" הרה"ג ר' מאיר שפּירא זצ"ל.

מיט הספדים וועלען אַרויסטרעטען די בעריהמטע טאַלאַנטפולע רעדנער: שאַצער רב משה חיים לויא פון פּרעשוב (טשעכיען) און דער בעוואוסטער תלמיד פון דער לובלינער ישיבה דוד ווייסבראָט פון אָטוואָצק.

אַ הזכרה וועט מאַכען חזן באַדאַש.

די טשענסטאָכאָווער יודישע בעפעלקערונג ביי וועמען הרב שפּירא ז"ל האָט זיך בעליבט געמאַכט בעת זיין היגען בעזוך מיט אייניגע יאָהר צוריק, וועט געוויס אַרויסווייזען פערעהרונג פאַר'ן גרויסען נפטר און מאַסענווייז זיך בעטייליגען אין הספד.

די עזרת נשים וועט אויך זיין אָפען פאַר פרויען.

װען װערען אַרויסגענומען בריעף פון די פּאָסט-קעסטלעך?

ס'וועט זיכער זיין אינטערעסאַנט פאַר אונזערע לעזער צו וויסען אין וועלכע שעה'ן ס'קומט פאַר דאָס אַרויסנעמען בריעף פון די פּאָסט-קעסטלעך.

פון די קעסטלעך, וואָס געפינען זיך פאַר'ן צענטראַלען פּאָסט-אַמט אויף שלאַנסקאַ גאַס ווערען בריעף אַרויסגענומען אין די שעה'ן: 0.30, 3.30, 5, 8.30, 9.45, 12.30, 14, 15.45, 18.20, 20, 21 און 22.

פון די איבעריגע פּאָסט-קעסטלעך אין דער שטאָדט ווערען בריעף אַרויסגענומען 3 מאָל טעגליך.

דער פּאָסט-בעאַמטער, וועלכער נעמט אַרויס די קאָרעספּאָנדענץ אין דער שטאָדט, פאָהרט-אַרויס פון דער פּאָסט אין די שעה'ן: 6, 13 און 19.

חוץ דעם ווערט די קאָרעספּאָנדענץ אַרויסגענומען אויסנאַחמסווייזע פון קעסטעל פאַר דער באַהן-סטאַציע אויך 23 אַ זייגער.

ערקלערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אינצידענטען צווישען די מיטגלידער פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי, וואָס איז צום בעדויערען פאָרגעקומען אויף דעם רעפעראַט פון ה' מאיר גראָסמאַן ערקלערען מיר פאָלגענדעס:

אונזערע מיטגלידער זענען געגאַנגען אויף דעם רעפעראַט כדי אויסצוהערען אַ פּאָליטישען רעפעראַט.

ווי ערשטוינט זענען זיי געוואָרען אַנשטאָט צו הערען די אונטערשיעדס-מיינונגען צווישען דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי און אונזערע, האָבען זיי געהערט אַ דעמאַגאָגישען רעפעראַט פול מיט זידלערייען און ווילדע אָנפאַלען אויף דעם גרויסען יודישען מנהיג זאב זשאַבאָטינסקי און אויף דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי. און אין דער